# דֶער פְּלֶעט אויף שַׁבָּת

## מאת אמ״ד.

## ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם
שנת תרל״ב לפ״ק

**ДЕРЪ ПЛЕТЪ АУФЪ ШАБАСЪ.**

т. е.

Расказъ объ одномъ нищемъ.
Сочиненіе А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ
домахъ подъ №№ 327 и 328.
1872.



הָאט אִים אָן גֶעהֵייבִּין צוּ קוּרִירֶען אוּן עֶס הָאט גֶעדוּיעֶרְט שֵׁיינָע עֶטְלִיכֶע טֶעג בִּיז דֶער ר׳ יָאסֶעל הָאט אָן גֶעהֵייבִּין צוּ זִיךְ צוּ קוּמֶען :

דָאךְ אָבֶּער דֶער וַוייֶלֶע אִיז מֶען פוּן דֶער פַּאסִילֶקע וָואס אִיז דָארְטִין גֶעהַאנְגֶען אוֹיף דֶעם זָאטֶעל אִין אַשַׁאקְוָוא אִיז מֶען דֶער נַאנְגֶען דֶעם גַאנְצֶען גֶעהֵיימֶען רָאמַאן פוּן זֵייעֶר טָאכְטֶער מִיט דֶעם שְׁנֵיאוּר זַאמֶערְזֶעט אוּן הָאבִּין עֶס מִיט פְרֵיידֶען אַיינְגֶעווִילִיגְט דֶען וָואס טוּט מֶען נִיט אוּם אֵיינֶע אַיינְצִיגֶע טָאכְטֶער דָאס לֶעבֶּען צוּ עֶרְהַאלְטֶען :

עֶס וַואר אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען טָאג גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארֶען נָאךְ דֶעם זַאמֶערְזֶעט אוּן אִין דֶעם זֶעלְבִּיגֶען אָוֶוענְד פוּן דִיזֶעם טָאג אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען אַיין פָארְמֵיילְנֶער תְּנָאִים אוּן אוּנְזֶער תִּרְצָה אִיז גֶעוָוארֶען פְרִישׁ אוּן גֶעזוּנְד אוּן אִין עֶטְלִיכֶע וָואכֶען וַואר דִיא הָזִיכְצַייט דֶער יָאסֶעל צִירֶעס וַואר גַאנְץ אָרֶענְטְלִיךְ בֶּעלוֹינְט דֶער אַדָאם קָאסְפֶּער אִיז גֶעוָוארֶען בַּייא זֵייא אַשַׁאפֶּער · דֶעם פֶּערְד הָאט מֶען גֶענֶערְט זֵייעֶר גוּט כָּל זְמַן עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אוּן מֶען הָאט קֵיין מְלָאכָה גֶעטָאן מִיט אִים בִּיז זַיינֶעם לֶעצְטֶען טָאג :

# דער פלעט *)

## 1.

שוין פון זיינע עטליכע הונדערט יאר וואר דיא שטאט מעץ **) העכסט בעריהמט אין דער אידעשע וועלט דורך איהרע גרויסע רבנים · אונ צוא גלייך בעריהמט מיט איהרע אידעשע געמיינדע · דען זייא ווארען העכסט פרומע מענשען! אונ גאט ערגעבענע לייטע · איבערהויפט האבין זייא זיך אויס געצייכינט מיט זייער ליבע צוא תורה :

דיזע שטאט מעץ ליגט אין לאטהרינגען · אכטצעהן מייל פון שטראזבורג · פאר דרייא הונדערט יאר צוריק האט זיא געהערט צו טייצלאנד אונ איזט געשטאנען אונטער די הערשאפט פון איין בישוף וואש וואר איין פרומער הער אונ זייער גירעכטליך געגין דיא יודין · נון האט זיך געמאכט דאס אין יענער צייט אזוי וויא ארום חנוכה אין דעם יאר טויזינד פינף הונדערט · איז גיקומען קיין מעץ פרייטיג פאר נאכט איינער מאן פון איאר פיר אונ צוואנציג אנגעטאן אין אלייוועטען לייבשטערדאק (קאפטען) מיט אלייוועטען קלומיק אויף דיא פלייצעם · איזט ארויף אויף דעם שול הויף אונ האט געבעטין דארט בייא דעם אונטער שמש איין פלעט אויף שבת׳ דר שמש האט אים דר זעהן אונ האט אים באלד דר קאנט פר איין בר אורין אלמדן׳ אונ האט אים זייער שטארק

בעדויערט

---

*) דער נאמען פלעט איזט איין פערגרייזטער ווארט אונ קומט ארויס פון דעם ווארט בילעט :

**) דיזע שטאדט האט פון דעם יאר (1551) געהערט צוא פראנקרייך ביז (1871) איצונד צו פרייסין :

Дозволено цензурою 8 августа 1872 г. Вильна.

בערויערט וואש ער איזט גיקומען צו שפעט ... ליבער פריינד
האט ער צוא אים גיזאגט· עש טוט מיר לייד וואש איר זייט
געקומען שוין נאך צלעמען איך האב שוין דיא בעסטע פלעטין
אוים גיטיילט· אלזוי מוזט איר מיט ליב אן נעמען אפלעט צו
איינעם געמיינעם מענשין· אונ דאש אויך אחורי השער
(הינטערין שטאדט)· דאס מאכט מיר גאנץ ווייניג אוים האט
אים דער יונגער מאן געענטפערט· בייא מיר זייען אלע אידען
גלייך· איך מיין נור צו עסען שבת דרייא סעודות· עס מאג
זיין ברויט מיט הערינג אונ קידוש מאכין· אונ דאס געפינט
מען בייא יעדען יודין· ווען אזוי האט זיך דער שמש אפגערופין
מאכט זע קיין שיהות· דען עס איזט אמהלך ביז אהין· אונ
ווען איר וועט קומען צוא שפעט וועט מען אייך דארט אויך
ניט וועלען אן נעמען ווייל יענער וועט זאגין ער האט זיך אויף
אייך ניט גערעכט· דער יונגער מאן האט צוא גענומען דעם
פלעט אויף וועלכין עס וואר געשריבין דער נאמען פון דעם
בעל הבית אונ דער נאמען פון דעם ארט וואו יענער וואונט·
יענער האט גיהייסין ר׳ מרדכי דער טרעדלער (חויחע אדער
מאנדעטניק)· אונ איזט זיך אוועק געגאנגען זייער שפארקע
(גיך)· אונ האט פאספייעט ארוים צוא גיין פון שטאט מיט
אפאר מינוטין פריהער בעפאר מען האט צוא געשלאסען דעם
טויער· דען מען וואר דאן אגרויסער פעסטונג געווען אונ וואר
מיט גרויסע וואלען ארום גענומען· אונ אלס ער איזט געקומען
אין דער געסיל וואו יענער האט גיוואונט האט ער געהאט גינוג
צוא שטרייטין מיט פיל הינט דען זיא וואר בעוואונט מיט
קריסטין וואש ווארין פליישער (קצבים) אונ איזט ארין צוא
דעם מרדכי אין שטוב מיט אהאלבע שטונדע פאר ליכט בענצין:

דיא ערסטע פערזון וואס האט אים דארט דער זעהען
וואר דיא דינסט מאדי זיא וואר נאך בעשעפטיגט מיט פיש
קאכין· אונ זיא האט אים זייער אונפריינדליך אויפגענומען·





בודאי אפלעט האט זיא זיך אפ גערופין צוא אים· גייט אייך
געזונטער הייט· מיר קענען אייך ניט אננעהמען אזוי שפעט·
דען מיר האבין זיך ניט גערעכט אויף אפלעט· אונ צווייטינס
האבין מיר גיהאט אפלעט ערסט פאר אכטאגין· דער שמש
וועט האבין פון מיר המנם קאפ דער פאר· וויא האט ער עס קיין
לב צו טרייבין אייך אז אהער אזוי שפעט· עס איזט מיר אוואונדר
דאש דיא הינט וואש זייען שוין לויז געבונדען האבין אייך
ניט צוא ריסין· אונ דאהער ליבע שוועסטער האט ער זיך אפ
גרופין צו איר טרייבט מיך ניט צוריק דען איך פירכטע מיך פאר
דיא הינט איך וועל בייא אייך ניט עסען נור קידוש הערין·
אונ פאר ברייניגן דיזען הייליגין טאג צו ווישין אידין:

אין דעם אבער איזט ארין גיקומען פון דער צווייטע
שטוב אשיינעם מיידכען פון אייאר אכטצעהען· האלב ענטקליידעט
דען זיא האט געהאלטין אין מיטין צוואגין זיך אונ האט גפרעגט
וואס איזט דא פאר אלארעם וואש זאל זיין האט זיא איר געענטפערט
דוא זעהעסט ניט מיר האבין ברוך השם אויף דיזעם שבת אויך
איין אונגיבעטענעם גאסט· אפלעט· נון ווילסט דוא אים ארויס
טרייבען האט זיא זיך אפגירופען מיט גרוים צארן· אי שפרה
וועסט דוא האלטין מויל צו ניט· דוא האסט מורא דאש עש וועט
פאר דיר בלייבן ווייניג· ניט בעט גאט דאש איך זאל עש דעם
פאטער דער צייליין וועט ער דיר מאכין דיא באקען העבער פאר
דיא נאזע· וואש הערט איר ר׳ קרוב האט זיא גיזאגט צו דעם
יונגען מאן· איר זייט בייא אונז איין גוטער גאסט· עש וועט
זיין גינוג פאר אלעמען אונ עשוועט נאך בלייבען:

באלד דארויף האט זיא אים אליין דער לאנגט אמעדניצע
מיט ווארעמע וואסער ארום צו וואסין זיך אונ אקאם· נאכהער
אגוטע שאל קאווע· אונ ער האט ארוים גינומען פון זיינעם
ראנעצעל זיינע שבתדיקע קליידער אונ האט זיך זייער שיין
אנגיטאן אונ האט זיך גיזעצט זאגין שיר השירים צוואר שטילערהייט

דאך זייער זים אונ גישמאק · דאש אלע הויזלייטע · זעלבסט דיא שפרה דיא דינסט · האבין זיך פארגעסין צו ענדען זייער ארבייט אונ האבין זיך אפגישטעלט אים צו הערין · דען זייא ווארין פון זיינע זיסע געליינקען אונ פון זיינער זילבער ריינע שפראכע בעצויבערט וויא פון וואונדער קליינגע פון איינער בעסערין וועלט · אונ דער צו נאך האבין זייא זיך ניט גיקענט אפקוקין פון זיינער געטליכע גישטאלט · אונ וואלטען פאר גיווים דעם שבת ניט בעענדעט ווען דער מרדכי אליין וואלט ניט אן גיקומען דארויף :

דיזער בראווער מאן · איזט גיקומען מיט אשווערין פאק אלטע זאכען · גאנץ ערמידעט · האט עש אפגילייגט אין איינעם אלקיר וואש ער האט גיהאט ביי זיך אין פארהויז · האט זיך דארט אויך ארום גיוואשען · זיך איבער גיטאן אונ איזט אריין צוא זיך אין שטוב · אונ וואר אויך ניט ווייניגער אלס זיינע הויזלייטע גיווארין בעצויבערט פון דיזעם הייליגען געזאנג אונ האט זייא גיפרעגט ווער איזט דארט · אפלעט האט זיך דיא טאכטער אפגירופען · נון פרייעט עם מיך האט ער גיזאגט דאש מיר האבין בעקומען אמאל עפעס איין אורח הגון (דאש הייסט עפעס ארעכטין גאסט) אונ איזט אריין אין דעם צווייטען צימר אום צו געבין אים שלום ; אונ וואר, וויא געבלענדעט פון זיין הייליגין אונ געטליכען אויסזעהען · באלד דארויף וואר גיבענצט ליכט · אונ עש ווארין אנגיצונדען זייער פיל לייכטער · לוסטרעס אונ לאמפין וויא שטערין אין הימעל · דיא חלה וואר צוא גידעקט מיט איינעם טייערין גאלד גישטריקטענעם קידוש טיש טוך · אונ האט געשימערט (געבליצט) וויא דיא טראפענס פון דעם טויא וואש האט אמאל בעדעקט דעם מן · אונ קוים האט דער יונגער מאן בעענדעט זיין שיר השירים זייען אנגיקומען אצעהען צוועלף אידעלעך וואש האבין גיוואונט אין דיזער נאכבארשאפט אום מקבל שבת צו זיין מיט אמנין · אונ דער מרדכי וואס האט שוין

גיוואוסט

גיוואוסט דאש זיין אורח האט איין זייער שיינעם קול נגינה האט ער אים מכבד גיוועזן מקבל שבת צוא זיין · אונ אויך מעריב צוא דאוונען · אונ דער נאורח האט עש גיטאן מיט פריידען :

אונ דיזע קליינע, געמיינדע האבין גיהערט אין דיזען פרייטיג צו נאכט אזוינס וואש זייא האבין עס אין זייער לעבין נאך ניט גיהערט · ער האט ערוואערעמט זייער הארץ · אונ זייערע זיילין איינגעוויגט אין גאטעס ארעם · אונ אלס ער האט מיט זיינעם ריינעם מויל אויס געשפראכין דיא ווערטער וטהר לבנו לעבדך באמת האבין זיך זייערע נעמיטהער אזוי הויך צום הימעל געהייבין אונ אזוי וייט דאש עס וואר זייא שוין זייער שווער דעם וועג צוא דער ערד ווידער צוא געפינען · נון פערשטייט זיך שוין דאש יעדער פון זייא האט אים דער נאך אנגעקוקט נאר מיט אנדערע אויגין · אונ האבין ביי זיך אליין געפרעגט צוא וואש זאל דארפין אזוי אמענש זיך אומשלעפין איבער דער וועלט פלעטין געהמן · ער האט דאך געקענט זיין איין גרויסער חזן אין דער גרעסטע קהלה · אונ פאר געווים איזט ער דאך אלמדן אויך :

## 2.

## (איין עטוואש פון דעם מרדכי טרעדלער)

דיזער מרדכי טרעדלער וואר דאן אבן חמשים ·, פון גאנץ שיינעם אויס זעהען · אגאנץ שיינער יודע ספר אונ איין גאטס גיפירכטעטער מאן · אונ האט זיך גאנץ ערליך גענרט פון טרעדלערייא · דאש הייסט פון דעם האנדעל מיט אלטע קליידר · ער וואר דאן איין אלמן · אונ האט זיך בעשלאסין קיין ווייב צוא נעהמען ביז ער וועט אויס געבין זיינע דרייא מיידכען וואש זיינע פרויא האט אים גילאזין · אונ כל זמן זיינע אלטע מוטער וועט לעבין איינע גרייזין פון עטליכע אונ זיבעציג יאר · דען ער האט גיפירכטעט דאש איינע צווייטע פרויא וועט איר ניט

כיבוד אם

נוהג

נוהג כבוד זיין · זיינע עלטערע טאכטער וואר עש דיא וואש
האט אנגישריען אן דער דינסט מאד אלם דער יונגער מאן איזט
אריין ,אין שטוב · זיא האט גיהייסין בת שבע זיא וואר דאן
אלט אכטצעהען יאר · אונ וואר דיא ווירטין אין הויזע · זיא
וואר זייער שיין · זייער קלוג · אונ ערצויגין אין גאטעס פורכט ·
אונ וואר אלזוי דיא פריידע אונ דיא האפענונג פון איהרעם פאטר ·
אונ האט צו גיזעהען איהר עלטער מוטער וואש וואר שוין האלב
בלינד מיט דער גרעסטע צערטליכקייט · אונ דער צוא נאך
פלעגט זיא זיין בעהילפליך דעם פאטער אין זיין ארעמען
גישעפט · דען זיא פלעגט דיא אלטע קליידער צו רייניגען ·
פר ריכטין אונ אויס פלעטין · אונ זייער שיין צו זאמען לייגין · אונ
אויך צוא פערקויפען צוא דיא קונים וואש פלעגין קומען אין
שטוב · דער ביי האט זיא אויך פאר זארגט אקליינעם גארטין
וואש האט גיהערט צו זייער וואונונג · אונ אכטונג געבין אויף
איהרע צווייא קליינע שוועסטער וואש ווארען איר בעהילפליך ביי
דער ארבייט · אונ אלם דער פאטער האט אנגיהייבין צוא
דיינקען מכה אשידוך פאר איר · פלעגט זיא אים מאכען גרויסע
אונ גירעכטע איין ווענדונגען אין דעם · ניין ליבער פאטער
פלעגט זיא אים צוא זאגין מיר קענען דער פון ניט דיינקען ביז
מיין אינגערע שוועסטער ועט שוין ווערין ווייניגסטענס אזוי אלט
דאש זיא זאל דיר קענען שוין זיין אזוי אשטיצע אין דיינם גשעפט וויא
איך בין דיר יעצט · זאנסט ועט דאש הויז אונזערע אין גאנצן
אונטער גיין' אונ דער פאטער פלעגט דער ביי פארלירען אפאר
גרויסע טרערין אונ פלעגט ווערען ופארשוויגען דער פון אויף
עטליכע מאנאטע · לבד דעם וואר נאך אביסעל איינגלעך אין
האנד אום עש אויס צוא פירען · אונ מען האט גיהאפט אויף
בעסערע צייטען · אונ דיזער מאן האט גיהאט וויא צוא
זאגין גינוג אורחאכע צו האפין דארויף · דען ער וואר איין העכסט
גירעכטער פרומער מאן אונ האט שוין מעהר וויא איין מאל

his honesty

מקדש



מקדש שם שמים גיוועזן דורך זיינע גרויסע ערליכקייט · דען וואש
ער פלעגט נור צוא גיפינען פרגעסענעס אין דיא טאשען פון די
אלטע זאכין אדער אויס מאדעשע זאכין וואש ער פלעגט צוא
קויפען פון קריסטליכע הערען אונ דאמען פלעגט ער עס אפגעבין
צוריק · אונ איין מאל האט זיך געטראפען דאש ער האט
גיפונען אין איינעם אלטין מאנטעל פון דעם בישוף זעלבסט איינע
טייערע דאזע (טאבאקירקע) וואש וואר גיזעצט מיט טייערע
בורלאנטין וואש וואר ווערט איינגע הונדערט דוקאטען האט
ער עס באלד אפגיטראגין צוא אים אונ איזט גיווארין זייער
תקיף דורך דעם ביי אים · דאש דער מעצער קהל פלעגן דורך
אים פאר ריכטען אונ פועלען כמה וכמה טובות ביי דעם בישוף
וואש דיא שטאט האט צוא אים גיהערט · אונ אלם מען פלעגט
וועלין אים לוינען דער פאר פלעגט ער אלץ צוא זאגין בין איך
ווערט וואש דער פאר ועט מיך שוין גאט אליין אן אייך לוינען :
דען ער בלייבט קיינעם ניט שולדיג! אונ אזוי וואר עש ווירקליך
גישעהען · וויא מיר וועלין דא ווייטער דערציילען :

## 3

## פרייטיג צוא נאכט idealization

איין גיוויסער אראבער (זאגט אונזער גמרא) האט גיזאגט
צו איינעם גיוויסען תנא רבה בר בר חנה קום איך וועל דיר
ווייזען וואו עש קומען צוא זאמען דער הימעל מיט דיא ערד ·
אונ איך וועל דיר מיינע לעזערין זאגין קום איך וועל דיר חייזען
וואו עש קומען צו זאמען עולם הזה מיט עולם הבא · אונ דאש
איזט דער פרייטיג צוא נאכט ביי איינעם פראצעוניטען אידען
דאש הייסט פון גימיינער קלאסע · עש איזט דאן אין שטוב
ציכטיג אונ ליכטיג · אלע הויז לייטע זויבער אונ ריין די בעטען
פאר בעט · דיא טישען גידעקט · אלע פרייא פון ארבייט אונ פון
זארגין · מען שפרעכט ניט שוין מעהר פון אירדישע גישעפטין

נור

נור פון הימעלשע · כען גירימט פריינדליך דיא בעזוכענדע איינגעלען (מיט דעם שלום עליכם) אונ מען נעמט אויף כביכול דעם רבונו של עולם זעלבסט אין דיא פערזוין פון איינעם ערליכען ארעם מאן *) וואש מען נעמט אים אויף שבת · אונ דער צוא נאך ווינקט איין גוטער מאלצייט · גוטע פישׁ זופּ · צימעס אונ בראטין אונ אויך אגוטע גלאז וויין · אונ דער ביא זמירות גיזונגן · תורה גיזאגט · א־קיין באל פון דעם גרעסטען רייכען קען זיך צו דיזעם אוועגד גלייכען · אונ אזוי וואר עש ביא דעם מרדכי דעם טרעדלער · עש וואר גיזאגט דער שלום עליכם מיט גרוים אנדאכט (התלהבות) · אונ דער נאך האבין דיא צוויא קליינע מיידכען גיזונגען דאש אלטע ליד היילג היילג ביזט דוא ישראל · דיר גלייכט ניט אדום אונ ישמעאל · ריין איזט דיין גלויבן · ער איזט דיר גיקומען פון אויבען · דיין גאט איזט דער איינער · אונ ווייטער איזט קיינער · אונ עש וואר דארויף גיענטפערט שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד · אונ אזוי ווייטער · מיט קידוש האט מען מכבד גיוועזן דעם יונגען מאן אונ מען וואר פון דעם קידוש ניט ווייניגער צו פרידען וויא פון זיינעם דאווענען · אונ עש וואר אים גיגעבין דער ערשטער פלאץ פון דעם בעל הבית · אונ דיא טאכטער וואש האט אוים גיטיילט דיא חלקים האט אים דער לאנגט פריהער פאר אלעם דעם בעסטען חלק אקאפּ פון אגרויסען העכט וואש וואר גיקאכט נאך דאמאליגער מאדע מיט זאפרען · מיט ראזינען אונ מיט קרעפּעלעך · אונ דאש וואר אין יענער צייט גיהאלטען פאר איין עהרען טייל וואש פלעגט פאר גילייגט ווערין נור פאר דעם ווירט אליין · אדער פאר איין הויכען גאסט · זיצענדיג ביא טיש האט דער מרדכי גיבעטין

*) אונזערע חכמים זאגין דאש גאט ברוך הוא אליין קומט אריין אין שטוב מיט דעם ארעם מאן דען דער פסוק זאגט והוא יעמוד לימין אביון · אונ ווידער זאגט דער פסוק מלוה ה׳ חונן דל :



דעם יונגען מאן דאש ער זאל זאגין תורה · האט ער אים גיזאגט תורה׳ אונ דער נאך האט ער א׳ם גיפרעגט ווער ער איזט אונ וואס איזט זיין ציל׳ איך בין איין ארעמר למדן · אונ גייא מיר לערנען פון איינע ישיבה אין דער אנדערע · ביז איך וועל אליין איין ראש ישיבה ווערין ווען גאט וועט וועלין · דען תורה איזט דיא בעסטע סחורה · אונ איך מיין פריינד האט זיך אפּגירופען דער מרדכי איך האב עש אמאל אויך אזוי גידיינקט אונ מיין פאטער זכרונו לברכה האט גוואלט מאכען פון מיר וואש איר דיינקט עשוזאל ווערין פון אייך · דען ער וואר אגרויסער למדן׳ איך האב נאך זיינעם אנגשריבענעם ספר וואש ער האט גימאכט אויף תשובות · עש איזט אבער דער פון ניט גיווארין · דען עש וואר דאן גרויסע צרות אונ גזרות אויף אידען דארט אין פראנקרייך דען איך בין איין גיבאהרענער אוים טראאים וואש איזט אין פראנקרייך׳ האט מען אונז אלם איך וואר נאך גאר אקינד פון דארט ארוים גיטריבען אונ מיד זייען גיקומען הויל אונ נאקעט קיין בריסעל דיא הויפּט שטאט פון בעלגען · אונ האבין אינז דארט קימערליך גילעבט · דען עש וואר דאן בייזע צייטען אונ ביא אלעם דעם האט מיין פאטער מיט מיר אלע טאג איינינע שטונדען גילערינט · אונ איך וואר דער צוא גאנץ פלייסיג · ער האט אבער דארט ניט מאריך ימים גיוועזן ער איזט מיר אפּ גישטארבן אין מיינעם צעהענטען יאר · אונ בין גיבליבין אלזוי איין עלענדער יתום · דער צו נאך וואר דארט קיין תלמוד תורה קיין ישיבה האט מען מיר אפּגיגעבין צוא איינעם יודען וואש וואר אטרעדלער דאש איך זאל ביא אים זויבערען דיא אלטע קליידער · אונ ער האט מיר גיגעבין דער פאר עסין : געשוכט גיקליידעט · אונ וואר מיר גוט וויא איין פאטער · דען ער פלעגט מיט מיר אויך צוא לערנען אונ פלעגט מיך זייער גוט מדריך צוא זיין · אונ וואלט אזוי אפשר גיבליבען ביא אים ביז זיין לעבין ווען עש וואלט זיך ניט גימאכט מיט מיר דארט

אזו

אזוי אסבה וואש איך האב גיקענט דער בייא זייער לייכט דאש לעבין פאר ליירען · אונ בין גאט זייא דאנק אפגיקומען נור מיט דעם ארויס שיקען פון דארט זאגרעניצע :

ליבער פריינד האט זיך אפגירופען דער יונגער מאן אונ ווער פון אונזערע ברידער האט קיינע וואונדער צו דער ציילען פון זיך אונ העטען מיר גימאכט איום טוב אין יעדען טאג אין וועלכין עש גישעהעט אונז אנס וואלטין דארפין מאכין אגאנץ יאר פורים · אונ גראדע דארויס איזט צוא זעהען אונ צוא פאר שטיין · דאש מיר יודין זייען בעשטימט פאר איינע בעסערע וועלט אלם דיזע איזט · אונזערע אויף גאבע (בעשטימונג) אין דיזעם לעבין · איזט איינע דער שווערסטין אין דער וועלט עס איזט אונז אויפגעלייגט געווארין פון דעם בורא ברוך הוא צוא טראגין דורך איר (דורך דער וועלט) גאטעס ליכט מיט איר געטליכע הייליגע פלאמע · אונ צוא פערוואהרען איר פון ווינט אונ שטורעם (דאש איזט גימיינט דיא רעלגיאן) · אונ דיזעס זייען מיר ווירקליך פון אונזער אנבעגין אן · אונ ווער אבער איזט ווירקליך אזוי געאכטעט אונ בעזיצט אזוי אגרויסין ווערט וויא יענע העלדין (גבורים) וואש פארפעכטין (היטען איין) אזוי איינע הייליגע אונ געטליכע זאכע וויא אונזער ריינער גלויבין · אונ דאהער ליב איך אימער צוא הערין · אזעלכע ערציילונגען וואש זייען עכטע פראבען פון אונזער העלדין מוטה אין דיזע ענינים · אונ ווען אייער בעגעבענהייט איזט אויך פון דיזעם סארט וויל איך גערין הערין · יא מיין בעסטער האט זיך דער מרדכי אפגערופן · איך וועל אייך דער ציילין · דען איך בין שטאלץ דערויף · נור ערסט נאך דעם עסין :

## 4.

### (דיא שיינע ערציילונג פון דעם מרדכי)

מיין פרינצעפאלי האט אנגעהייבין דער מרדכי צו וועמען איך בין אנגעקומען דינען נאך מיינעם פאטערס טויט האט געהייסען ר' הושיע דער טרעדלער ער וואר · וויא איך האב שוין פריהער דערציילט איין גאנץ פרומער מאן אונ איין רעכטער למדן : אונ דער צוא פון נאטור איין זייער גוטער מענש · אונ האט גיהאט אגרויסין איינגאנג בייא דיא גרעסטע מאגנאטען · ערסטינס וייל ער פלעגט בייא זייא אפ צוא קויפין דיא אויס מאדעשע קליידער וואס וואַרען נאך גאנץ נייע אונ פלעגין וויא צו זאגין פסול ווערען נור בבינה (דאש הייסט זייא פלעגין ווערין אויס מאדע איבער איין נאכט) · אונ צווייטענס וואר ער בייא זייא אויך אסרסור · דען וועלכער מאגנאט האט עס ניט געדארפט געלט לייען · אונ ער איזט זיך בייא דיא ביידע געשעפטין זייער ערליך בעגאנגען · אונ וואר פון דיזען לייטין געליבט אונ געאכט · אונ איך וואס וואר זיין וויערניק אונ זיין פאסלאניץ אין דיזע געשעפטען בין גיווארין מיט דער צייט אויך רעכט בעקאנט מיט דיזען גרויסין לייטען · אונ פלעגין מיר זייער אפט צוא ווארפין אפאר גילדין · אפאר אויס מאדעשע שיך · אונ האב מיר אין דר צייט צוא זאמען גישארט אפאר הונדערט טאלער · דאש הייסט אין אמשך פון איאר אכט ניין · אונ וואר מיר אימער לוסטיג אונ פריילך דען וויא צוא זאגין וואר מיר בייא דעם הושיע זייער גוט · אונ וואלט מיט דער צייט חתונה האבין פון זיין שטוב אין אגוטען אופן גאט האט אבער אנדערש גיוואלט · אונ עש איזט גישעהען :

אין מיינעם ניינצעהענטין יאר · אין דעם מאנאט מאי האט מיך מיין פרינצעפאל (בעל הבית) גישיקט מיט אגוטע תשובה וועגין איינער הלואה צוא איינעם גיוויסין מאגנאט הענדריק קלאט · ער וואר העכסט גינייטיגט אין געלט אונ איך וואר בייא אים איין גוטער מבשר · ער האט מיר טראקטירט מיט אגלאז מעד · געשאנקען איין האלבין הארטין טאלער · אונ דערצו נאך איין בילעט צוא גיין זעהען פייער ווערק וואש וועט זיין אין דעם גרויסען ·

גרויסען לוסט גארטען · אונ דיזע לעצטע מתנה וואר ביי מיר טייערר פאר די אלע פאריגע דען נאך האב איך עס אין מיינעם לעבין ניט גיזעהען · אונ בין גיקומען אלזוי אהיים מיט גרויס פרייד אונ האב עס ערציילט מיין פרינצעפאל :

יוא האט ער זיך אפגירופען צו מיר עס איזט צוואר איין געשיינק · אבער ניט פאר דיר : דען נאך האט זיך קיין יודע גיוואגט אריין צוא שמעקין אין דיזעם גארטין · אונ בפרט נאך אלס עס וועט זיין דארט פייער ווערק · וואס וועלין זיין דארט צעהען טויזינד קריסטען · מען וועט אין דיר קיין גאנצעם ביין לאזין · דאהער פאלג מיך אונ בלייב צוא הויז אונ זייא מקיים דעם פסוק אל תשמח ישראל אל גיל כעמים דאס הייסט פרייא דיך ניט דוא ישראל מיט דער פריידע פון אנדערע פעלקער · פאר בלייבע אלזוי צו הויז אונ לעהרען וואס :

interdiction

א פיל גלייכער וואלט גיוועזען פאר מיר אונ פאר אים · ווען איך וואלט אים גיפאלגט· נייען ליבער ר׳ הושיע האב איך צו אים גיזאגט· איך בין גיזיכערט דאס מען וועט מיך קיין ריהר טאן אונ ווארום האט ער מיך גיפרעגט דוא מיינסט דאס דער הענדריק קלאט וועט זיך דארט פאר דיר אן נעהמען גלויבע עס ניט · ערסטענס וועט ער זיך שעמען פאר איינעם יודען אנצו נעהמען זיך· אונ צווייטענס וועט מען אים ניט הערען · אונ דריטענס וויא אזוי וועט ער וויסען דאס מען ברעכט דיר דיא ביינער · נוא וועל איך אייך שוין ווייזען האב איך מיך אפגירופען צוא אים דאס איך וועל שוין זיין גיזיכערט פון איין קלאפ״ אונ דורך וואס האט ער מיך גיפרעגט· איך האב דאך אייך גיזאגט האב איך אים גיענטפערט דאס איך וועל אייך ניט זאגין איך וועל אייך נור ווייזען אונ בין באלד דארויף ארויס גיגאנגען פון שטוב בין אריין אין דעם סקלאד וואו עס זייען גילעגין דיא אלטע אדער אויס מאדעשע קליידער · אונ האב מיך דארט אנגיטאן אין גאנץ שיינע טייערע קליידער · אונ האב

Violation

כיך



מיך אויס גיפוצט וויא איין פראנט · דאס עס וואר גאר ניט גיוועזען צוא דער קענען דאס איך בין דער מאטקע · אונ בין אריין צוא מיינעם פרינצעפאל צוריק אין שטוב אלם וויא איין יונגער שערעל וואס קומט עפעם אגישעפט מאכען : דער ר׳ הושיע האט מיך זייער העפליך אויף גינומען האט מיך גיבעטין זיצען · אונ האב מיט מיך אריין גישפראכין זייער שטארק וועגין איינע הלואה אויף אגוט · אונ ער האט מיך ניט דער קאנט ביז ער האט פערלאנגט צו וויסען מיין נאמן · אונ איך האב אים אויס גיזאגט דאס איך בין זיין מאטקע ; זיין גיהילפע אין גישעפט· אזוי עבט האב איך גישפילט דיא ראלע פון איינעם פארנעהמען קריסטען קינד · אונ מיין פרינצעפאל האט זיך ניט גיקענט אפוועהרען פון לאכען אגאנצען טאג · אלזוי נון מיין הער האב איך צוא אים גיזאגט נוא וועט מען מיך שוין ניט אריהר דארט טאן־וועט איהר האט גיקאנט מיינען דאס איך בין אקריסט פשיטא דפשיטא דאס זייא וועלין עס דארט מיינען אונ עס וועט בודאי קיין האר מיר ניט גיקרימט ווערין :

אונ ביי אלעם דעם זאג איך דיר האט ער זיך צו מיר ווייטער אפגירופען איזט גלייכער דאס דו זאלסט עס פארשפארן אונ בלייב דאך צוא הויז · אין צווייטענס וועסט דוא דאך מוזען אנטאנזיך אין שעטנז־ניין האב איך אים גיענטפערט זייא זייען נור אויף ריינע זיידענס גינייט · אונ צווייטענס צוא פארשטעלען זיך איזט מותר אויך אין שעטנז אונ עס איזט גיווארין אונטער אונז אגרויסער ויכוח וועגן דעם : אונ ער האט עס מיר דורך אויס פאר ווערט מצדי צדדים · איך אבער בין גיבליבען ביי דאס מיינינגע · האב מיך זייער שיין אויס גיפוצט וויא איין קריסטליכע מאנגאט אונ בין אוועק אין גארטין · איך האב דער וויסט דארט אגרויס נאראד פון דער קריסטען וועלט אונ ניט איין אידעשע זייעלע וואר אונטער זייא · אונ האב מיך אלזוי שוין פון

פארענט

פארענט אריין גישפירט זיך גאנץ עלענד און פערלאזען · צום אומגליק וואר איך צוא שיין פון גישטאלט און צו שיין אויס גיפוצט דאש מאנכע פארנעהמע דאמען וואש זייען גיגאנגען מיט פארנעהמע העררין האבין גיהאט אויגין נור פאר מיך · און דיזעס האט דיא העררין ניט ווייניג געקריינקט און האבין גיוואלט אלזוי וויסין ווער בין איך עס פאר איין פראנט · זייא האבין אבער ניט געהאט ביי וועמען נאך צוא פרעגין זיך איבער מיך און זייען נאך מיר אליין נאך געגאנגען וויא דער שאטין איינעם שטעקין אום איין עטוואש ווינט צוא בעקומען (דאס הייסט איינע ערקלערונג) איבער מיך וואש איך וואר זייא וויא איין לעבענדיגער פראגע צייכען וואש האט נאך זיך קיין אנטוואורט:

דאך עס האט ניט לאנג געדויערט · מען איזט באלד געוואר גיווארין דאש איך בין איהודי · מען איזט עס געוואר גיוואהרין דורך איינע איינפאכע סבה · זייא האבין בעמערקט דאש איך נעם ניט אראפ דעם הוט ניט פאר איין הייליגעס בילד וואש עס איזט דארט געשטאנען ביי יעדער שיידע וועג · און פשיטא שוין דאס איך בעקרייצע מיך ניט · איך בין געוואורין באלד בעפרעגט פון איינעם פאליצייסקין דאריבער · און אלס איך האב גיענטפערט דאס איך בין איין יודע האב איך אויף איין מאל בעקומען הונדערטע ריפין שטויסע · פלעקליך · קייפונגען · עס וואר מיר טויזענד צונגער ארוים געשטעקט פון אלע זייטען · און דאס וואורט העפ העפ האט פארקלונגען דעם גאנצין גארטין *) :



*) דאש ווארט העפ איזט איין ראשי תיבות פון דרייא לאטיינישע ווערטער הירוזאלעם עסט פערדיטע · דאש הייסט ירושלים איזט איינגענומען גיווארין · דיזע דרייא בוכשטאבען (ה׳ ע׳ פ׳) זייען גיקריצט אויף דעם מארמערנעם טויער וואש מען האט דארט געמאכט לכבוד דעם טיטוס ביי זיין צוריק קעהרען זיך פון ירושלים · דורך וועלכין ער איזט אריין געפארין



נון פארשטייעט זיך דאש איך בין גיווארין בלוט רויט אלס וויא מען וואלט מיך אנגעהאפט ביי דעם גרעשטין פארברעכין און האב אנגעהייבין צוא זוכען איין ארט וואו זיך צו בעהאלטין וויא אמויז צווישין הונדערט קעץ זוכט איינע נארע · צום אומגליק האט מיך איינער דער קאנט און האט גיטאן אגישרייא מרדוך דער צווייטער האט גיטאן אגעשרייא שמואלקע דער דריטער האט מיך שוין גערופין ר׳ שמעריל און בין גיווארין געהעצט וויא אין האז פון הונדערטע הינט · און איינער האט מיך שוין אנגעהייבין צו קיילין דיא ביינער מיט איינעם סוקעוואטין שטאקי און דאש האט מיך שוין אזוי ווייט ארויס גיבראכט פון געדולד · דאס איך האב ארויס געדרייט דעם שטאק פון זיינער האנד · דען איך בין דאן געוועזן אקרעפקער איינגעל און האב אים דער מיט טראקטירט זייער גוט · דאס מען האט אים קוים אלעבענדיגין פון דארט אוועק געטראגין · און עש האט געדויערט איינע רעכטע צייט · ביז מען האט מיך ערגריפען · געבונדען און איינגעזעצט אין דער פאליצייא · אויף מארגין בין איך געפיהרט גיווארין אויף איינעם פארהער (סלעדסטווא) און צוויי עדות האבין דארט אויף מיך געצייגט דאס איך האב געשימפפט (מבזה געוועזן) דעם קאטוילישען גלויבין פון וואס איך האב נאר ניט גיוואוסט צוא זאגין · דיזע סלעדסטווא האט געדויערט מעהר אלס דרייא מאנאטין · און בין דארט דער ווייל אויס געשטאנען דיא גרעסטע מארטער (יסורים) מען האט מיך גילייגט אויף דעם פאלטער באנק (דאס הייסט אויף מארטורעס געצויגן) · און מען האט מיך אזוי לאנג געמאטערט ביז איך האב געמוזט זייא נאך געבין און זאגין דאס איך האב געזאגט וואס איך האב



קיין רוים · מען רופט אים דער טריומפ בויגין פון טיטוס · און דאהער נאך עד היום ווערט יעדער יודע געשימפפט מיט דעם ווארט הע״פ אין גאנץ טייץ לאנד און אין איטאליען :

ניט גיזאגט · אונ מען האט מיך אפגעמישפט ענטפער איך זאל ווערן קאטאליק אדער פר ברענט ווערין · אונ איך האב אויף זיך מקבל גיווען דאס לעצטערע · אונ מען האט אלזוי אוועק געשיקט שוין מיין דעקרעט צוא דעם פירשטין (דאש הייסט צוא דעם קיניג) דאש ער זאל אים אונטער שרייבין :

דאך דער אויבערסטער וואש שיקט צוא דיא רפואה פריהער פאר דיא מכה · האט שוין אנגעגרייט מיינע רעטונג פון דיזעם שמערצליכען טויט מיט איאר עלף אדער צוועלף פריהער · אונ איך בין גאט זייא דאנק גמלט גיווארין דער פון דורך איין וואונדר נור · עם האט דאן די וועלט דער מיט גיקלונגין :

דער בעלגישער פירשט וואר איין רעכטשאפענער מאן · אונ ערצויגין גיווארין פון זיינעם פאטער אין ריינע גאטעס פורכט · האט אים כל ימיו מדריך גיווען וויא צוא זיין איין ארענטליכער רעגענט (קיניג) · דאס ער זאל זיך מעהר פערלאזין אויף זיינע אייגענע אויגין אלס אויף אנדערע · אונ דאס ער זאל זיך אימער פאר זיכערין אויף גאט אונ בלייבין גאנץ רוהיג בייא דיא גרעסטע אונרוהען וואש עש וועט זיך מאכין אין לאנדע · דען עס פלעגט זיך זייער אפט מאכין דארט פארשווערונגין איבער פארשווערונגין (בונטאציעס) · אונ דיא לעצטע ווערטער זיינע צו אים פאר זיין טויט וואר דער פסוק שכן ארץ ורעה אמונה דאס הייסט בלייבע אין דיין לאנד אונ רעגירע ערליך אונ איזט באלד דארויף געשטארבן · אונ דער זון איזט גיווארין נאך אים רעגענט · אונ האט דיזען פסוק (אום צוא גערייגקען אים גוט) אויפגעשריבין אויף אשטיקיל פארמעט אונ האט עס געטראגין וויא איין אמולעט (קמיע) בייא זיך אויף דעם הוילין הערצין אונ האט אימער אזוי געהאנדעלט וויא די רעכטע בעדייטונג פון דיזען פסוק איזט :

נון האט זיך איין מאל געמאכט אגרויסע פארשווערונג

בונד



(בונד) אין לאנד · דאס דיזער יונגער רעגענט האט זיך געהאלטין פאר העכסט אונזיכער צו בלייבין אין דער רעזעדענץ · אונ האט שוין גיוואלט פאלגין דעם ראט פון זיינע מיניסטארין · דאס ער זאל אויף איינע געוויסע צייט אוים וואנדערין פון בעלגין · אונ האט זיך שוין אלזוי פארקליידעט דאש מען זאל אים ניט דר קענן · אונ האט זיך אויפגעזעצט אויף איין פערד אום אונערקאנטערהייט צו פאסירין איבער דיא גרענצען · קוים אבער איזט ער ארוים פון שטאט האט ער מיך דער וויסט זיצענדיק אויף אפריזבע לעבין מיין פאטערס הויז (דען דארט וואר אונזער וואונונג) אונ חזרע מיר תהלים מיט איינעם העלין קעלכעלע · איך וואר דאן דוכט מיך מעהר-ניט וויא אכט יאר · אונ פאר טייצע מיר הויך דעם פסוק שכן ארץ ורעה אמונה אונ דיזעם האט אים עפעס וויא איינע עלעקטריציטעט (איין פייער בליץ) דורכצוקט · דאש ער איזט געבליבין שטיין אויף זיין ארט אונ שטעלע וויא איין איינגעמויערטער איינע היפשע ווילע · אונ דער נאך האט ער מיך צו גערופען צוא אים אונ האט מיך אפרעג געטאן וויא מען רופט מיך אונ וועמענס איך בין · אנ האט עס בייא זיך אין זיין טאשע בריף פארצייכענט · אונ האטנכיר געשיינקט אטאלר אונ האט בייא זיך דער בייא געטראכט א דאס איזט מעהר אלס איין צופאל · עש איזט איין געטליכער וואונק · צוא הערין דעם זעלבינין פסוק וואש מיין זעליגער פאטער האט צוא מיר געשפראכין אין דיא לעצטע מינוט פון זיינעם לעבין · גראדע אין דעם זעלבינין אויגינבליק וואס איך וואר אין בעגריף (בדעה) צו טאן פאר קערט · אונ גראדע אין אזוי אצייט אויף וועלכער ער (דער פאטער) האט מיר מיט דיזין פסוק בעלעהרענט וויא איך זאל מיך בעגיין · אונ איך האב עס נאך געהערט איצונד פון איינעם ריינעם מונד · פון איין אונשולדיגעם קינד · וואש האט דער בייא קיין אבזיכט געהאט :

ער האט זיך אפגישטעלט· האט מיך טיף געקוקט אין געזיכט

אונ

אונ האט זיך דער נאך אומגיקערט אין שטאדט אונ איך האב ניט גיוואוסט פון ארור המן ניט פון ברוך מרדכי · איך האב מיך נור געפרייט מיט דעם טאלער · אונ האב עס דער נאך אפגעגעבין דעם פאטער מיינעם זכרונו לברכה וואש האט זיך דער מיט געפרייט נאך מעהר אלס איך :

נון לאמיר זיך אומקערין צוריק צוא מיינער געשיכטע · באלד נאך הער וויא מען האט שוין געמאכט דעם דעקרעט איבער מיך האט מען צוא געלאזין מיין פרינצעפאל דעם ר' הושיע צוא מיר מיט דעם נאמן פון שטאדט · האבין מיך גישטארקט אין דער אמונה אונ האבין מיט מיר ווידוי געזאגט אונ האבין בעוויינט מיינע אונשולדיגע יוגענד אונ האבין אויף מיך גילייענט דעם פסוק תמות נפשי מות ישרים ותהי אחריתי כמוהו (דאש הייסט א מעכטין מיר שטארבין אזוי איין ערליכין טויט : אונ אונזער ענדע זאל זיין וויא דיינער) אונ האבין מיר אויס גירעכענט דאש אונזערע גרעסטע לייט ווארען הרוגי אמונה · אזעלכע בעזוכע האב איך גיהאט עטליכע מאל · אונ האב שוין אפשייד גענומען דורך דעם פון דיזער וועלט אונ פון אלע איהרע פריידין · זעלבסט פון דער האפענונג דעם קינפטיגען שבת צוא דער לעבין · אונ אזוי ווידער פארקערט פלעגט מיך צו מאטערין דער אויפזעהער פון מיין געפיינגנים הויז דאש איך זאל ווערן קאטאליק · זיינע פרויא פלעגט מיך צוא בעוויינען דאש איך זאל מיך ערבארעמען איבער מיינע יוגענד · איבער מיין זייל · אונ פירכטין זעלבסט פאר דיא זינד וואש איך וויל איבער פירין מיין לעבין · אונ האבין מיר פארגעשפיגעלט גרויסע גליקין · דאס זייא האבין איינער רייכע פארוואנדטע איונגעם מיידכען וואש וועט מיך הייראטהען באם איך וועל ווערין אקאטוילק · א בעסטער פריינד · עש וואר איין גוטער קאמפ (שטרייט) בייא מיר אין הערצין צווישין טויט אונ לעבין · אונ עס וואר מיר דאן אוי לי מיצרי אונ אוי לי מיוצרי (דאש הייסט איך האב גענוג געליטין

פון



פון דאש לעבנס לוסט אונ פון מיינם בעשעפר) · קורץ געזאגט איה האב מיך בעשלאסין צוא לאזען זיך פארברענען · אונ האב שוין ערווארטעט דעם טויט מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט אונ בייא יעדעם מאל וואש עש האט זיך געעפענט דיא טיר פון מיין געפיינגנים האט זיך מיר געדוכט דאס מען קומט שוין מיך אפ צוא פיהרען צוא דעם ריכט פלאץ ·

מיט אמאל האט זיך געעפינט דיא טיר אין דער פריא אונ איין אפיציר איזט אריין מיט אגרויסע וואך · אונ האט זיך מיר געהייסין אן טאן אונ ריינגין זיך וויא ווייט איך קען · מען האט מיך באלד ארום געוואשן · ארום גשארין · גיגעבין אוויסע העמד · וויא עש וואר מיר ווייא האב איך מיך ניט געקענט איינהאלטין פון לאכין אונ אלס דער אפיציר האט מיך גיפרעגט וואש לאך איך · ווייל פאר ברענט קען מען ווערין שמוציגערהייט אויך האב איך געענטפערט · מיינען זייא פיליכט מיך פאר איין הייליגין אפפער צו ברייגגין אונ וועלין נאך מיך פר געווים מיט בלומען אויך בעקרענצין · א איין עלענד איבער דיא מענשין ווען זייא קענען אזוי ווייט פאר אירט זיין · שווייג דו פלאטער מויל האט זיך דער אפיציר אפגירופין · עס האלט נאך מיט דיר ניט אזוי ארג (שלעכט) וויא דוא מיינסט איך ווער דיך צום פירשטין פיהרין אונ בייא אים איזט דיא גענאדע צו הויזי קוים האט ער אויס געשפראכין אונ דאס לעבענס לוסט האט זיך צוריק גיקערט אין מיינער ברוסט אונ בין גיווארין געבלענדעט פון דיזין ליכטיגין האפענונגס שטראהל · מען האט מיך גאנץ געזויבערט אונ מען האט מיך אוועק געפיהרט צו דעם פירשטין · בייא מיינער געפיינגנים וואר אגרויסער פובליקום · דען מען האט געמיינט דאס מען פירט מיך שוין פארברענען · אונ ווער האט עס דאן פון דער קאטוילישען וועלט קיינר לוסט געהאט צו זעהן וויא מען פארברענט איינעם יודען · זייא זייען אבער געבליבין

וויא

וויא אפ געשמיסענע · און זייען זיך פון איינאנדער געגאנגען מיט לאנגער נאזע :

מען האט מיך געבראכט צוא דעם פירסטין · און ער האט מיך גראדע וויא מען האט אים אנגעמעלדעט דאס מען האט מיך שוין געבראכט אריין גענומען אין זיין גאבינעט · און האט מיך זייער שטארק עקזאמענירט · איך האב אים דער ציילט דעם גאנצין הערגאנג דער געשיכטע · און דאש איך וויים ניט פון וואס צוא זאגין · און מיין בעקענען זיך איזט נור וויל מען האט מיך געצוואונגען דער צוא · און האב אים געוויזין מיינע בלוטיגע צייכין פון דיא יסורים וואס מען האט מיך אנגעטאן · ער האט באלד געשיקט נאך דיא ריכטער · און נאך דיא צייגין · און האט דיא ריכטער געהייסין דאש זייא זאלין צווינגען דיא צייגין דאש זייא זאלין זאגין און שווערין גאנץ פארקערט · דאש הייסט דאס איך האב גראדע גוטעס געשפראכין פון דעם קאטוילישין גלויבין · און מען האט זיך שוין ניט פיל נעדארפט בעמיהען מיט איהנען וועגען דעם · זייא האבין דיא ערסטע פראבע פון דער טארטור שוין ניט אויס געהאלטין און האבין באלד געזאגט וואס מען האט נור פון זייא פאר לאנגט · און פון מיינעם דעקרעט איזט גאר ניט גיווארין · און וואש דיא ריכטער און דיא צייגען האבן גיהאט דער פאר איזט מיר אונבעוואוסט נאך ביז אהער · מיך אבער האט ער נאכהער ווידער אריין גערופין אין זיין גאבינעט גאנץ אליין · דאס עש וואר ניט דער ביי זעלבסט זיין געהיים שרייבער · און האט מיך געפרעגט צוא געדיינק איך אים און אלם איך האב גיענטפערט ניין האט ער שוין מיך דער מאנט אן יענע אלטע געשיכטע מיט דעם תהלים זאגין · מיט דעם טאלער · און האט מיר דער ציילט צוא גלייך וואס פאר אגוטע ווירקונג עס האט פאר אים געהאט מיין ארויס זאגין מיין פסוק פאר אים · דען דאס וואר זיין גליק וואש ער האט זיך אפגעשטעלט צו הויז · ער האט באלד דארויף געשיקט אויף צוא זוכין מיך מיט מיינעם



פאטער אום אונז קיניגליך צוא בעלוינען · עס וואר אונז שוין אבער ניט צוא געפינען דען דיא הייזער אין וועלכע מיר האבין גיוואונט האט באלד אפגעברענט ; און מיר זייען אריין אין שטאדט · און עס וואר קיין שפור צו דער גיין פון אונז :

דער סוף וואר פון דיזעם שרעקליכין פראצעס דאש דער פירשט האט מיך פעליג בעפרייט · בעשאנקען מיט איינינע הונדערט הארטע טאהלער ; און האט מיך געהייסין ארויס פיהרען מיט אגרויסע וואך איבער דיא גרענצין ; דען ער האט געזארגט דאס איך וועל שוין דארט אין זיין לאנד ניט זיכער זיין מיט מיין לעבין · און בין אלזוי פון דארט אוועק און בין אנגעקומען קיין מעץ און בין דא גיווארין איין טרעדלער ·

א ווען אזוי ליבער ר׳ מרדכי האט זיך אפגערופין דער יונגער מאן זייט איר בעשטאנען אגרויסין נסיון · און וויל דער בורא ברוך הוא איזט דאך מצרף אגוטע מחשבה צוא איינער מעשה ; זייט איר שוין איין וואהרער קדוש וויא איינער פון אונזערע גרעסטע הרוגי אמונה · און איר זייט שוין איין געוויסער בן עולם הבא :

און אזוי האבין זייא אוועק געשפראכין אשטיק אין דער נאכט · און האבין דער נאך גאנץ רוהיג געשלאפין וויא עס איזט אימער דער שלאף פון דיא פרומע לייטע וואס ווערט ניט געטריבט פון בייזע טריימע און פון דיא נעכטליכע צוא פעלין :

## 4. 5

### (שבת צוא נאכט)

אויף מארגין איזט דער מרדכי געגאנגען מיט זיינעם ארח דאווענען צוא אמנין · און האט דארט געמאכט גרויס אויפזעהען מיט זיין מפטיר לייענען · דען נאך האבין זייא ניט גיהערט אזוי איין קול נגינה · און אויך ניט אזוי איין עברי זאגין · עש האבין אים אלע שלום גיגעבין און אברייטען גוט שבת געזאגט · האבין

זיך

זיך נאך געפרעגט בייא דעם ר׳ מרדכי ווער דיזער יונגער מאן איזט · אונ האבין זיך ניט געקענט גענוג אפוואונדערין אלם ער האט זייא גיזאגט דאש ער איזט אפלעט בייא אים אויף שבת · דען אזוי אמענש וויא ער (ווארין זייא אין דער מיינונג) האט גידארפט זיין איינגעלאדין אויף שבת בייא איינעם פון דיא גרעסטע לייט פון שטאט · שבת בייא טאג וואר ער גיבעטין פון דעם ר׳ מרדכי דאס ער זאל וואש זאגין פאר זיינע שכנים וואש זייען צוא זאמען גיקומען בייא אים אין שטוב צו דאווענען מנחה · אונ האט ביי ניי פיל מעהר אוים גענומען אלם זייער שטאט מגיד · נאך הבדלה האט ער גיבעטין בייא דעם ר׳ מרדכי דאס ער זאל אים געבין צו זעהען זיין פאטערס ספר · ער האט אים אין איינר שטונדע דורכגעקוקט פון טאוועל צו טאוועל אונ האט אים בעלויבט · אונ האט אים דער צו גיזאגט מיט אזוי אטאטין קענט איר אייך שוין רעכט מיחס זיין · אונ דאך האט זיך דער מרדכי אפגירופין קען מען עס אטאכטער אין נדן ניט איינשאצין · זעלבסט אבעל מלאכה וויל אויך געלט אונ ווער רעט שוין פון איין בר אורין (אלמדן) · אזוי אייער טאכטער איזט נאך קיין כלה : האט ער זיך אפגירופין טועגדיק אבליק אויף איר מיט זיינע פייעריגע שווארצע אויגין · דאס דאס מיידכען וואר דער פון בעטראפין אונ געבלענדעט וויא פון איינעם בליץ אונ האט אפגעטראטין פון טיש ווערענדיק רויט ביז איבער דיא אויערין · זאגט עס ניט ליבער פריינט · עס איזט ניט אזוי ארג מיט דעם יחום וויא איר מיינט · יחום האט נאך אווערט זעלבסט בייא אומות העולם אונ פשיטא שוין בייא אונז אידין · אונד אונזערע מיוחסדיקע טעכטער קענען נאך זינגען גאנץ מוטהיג דאס אלטע ליד וואש דיא בנות ישראל פלעגין צו זינגען אין דעם טאג פון יום כפור אונ פון חמשה עשר באב בחור שא עיניך וראה מה אתה בורר לך אל תתן עיניך בנוי ובממון תן עיניך במשפחה*) ·

יונגער

*) דיא גמרא זאגט אין דער מסכת תענית · דאס אים יום כפור אונ אין חמשה עשר באב פלעגין זיך דיא מיידכען אן טאן אין ווייסין אונ פלעגין ארויס צוא גיין אין דיא ווייןגערטנר אונ פלעגין עס צוא זינגען פאר דיא בחורים וואש פלעגין קומען אהין אוים צוא קלייבין ווייבער פאר זיך · דיזעם ליד · מען האט עס איינגעפיהרט אום יום כפור ווייל אין אזוי איין הייליגין טאג פון תשובה וועט יעדער געווים אוים קלייבין א[..]יא פאר זיך לשם מצוה · אונ וועט ניט טאן מיט אפסול משפחה צוא ליב געלט אדער שיינהייט :



יונגער מאן הייבע אויף דיינע אויגין אונ זעהע וואש דו קלייבסט דיר אויס · קוק ניט אויף שיינהייט · ניט אויף געלט קוק נור אויף דער משפחה · א מיין בעסטער פריינט האט זיך דער מרדכי אפגירופן · מעכטע דיזע זיטע גיוועזן אויך אין אונזערע צייטען זאנסט ווערט דר גרעסטער יחום דורך ארמוט גאנץ איינגעשלעפערט אונ פארגעסין · אונ דיזער פאל איזט בייא מיר איצונד אויך איך בין אמיוחס אגרויסער · מיינע אבות אבותי ביז כמה דורות ווארען גרויסע מופלגים אונ צדיקים אויך גוט אין שטאנד · דיא גרויסע רדיפות אונ דיא גירושין האבין מיך גיבראכט צוא דיזעם ארעמען אונ נידעריגין שטאנד · אונ האב עס נאך אזוי ווייט ניט געפילט · אלם איצונד דאס איך האב שוין איינע דער וואקסענע טאכטער · אונ לבד דעם בין איך אין אזוי אטרויעריגע לאגע · דאש ווען עס זאל זיך שוין מיר טרעפין אזוי איינער וואש זאל איר וועלין נעמען · וויא זיא שטייט אונ גייט קען איך איר גאר ניט אוועק לאזין פון מיר · דען איך האב דאך קיינע פרויא וואש זאל מיר פיהרין דיאווירטשאפט · העלפען מיר אין מיין גישעפט · אכטונג געבין אויף מיך אויף מיינע קינדער · סיידין איינעם אויף קעסט נעהמען · נון וואלט זיך מיר שוין געוואלט איין בר אורין (אלמדן) · איזט עס שוין ווידער גאר ניט מיין קעשענע דען אזוי איינער דארף שוין מיך ניט · ער וועט שוין בעסערם בעקומען :

אונ ,

און ביא אלעם דעם האט זיך אפגערופין דער יונגער מאן' פארלירט ניט אייער האפענונג · דער ליבר גאט וואס ער איזט דער לייטקער דער עהען (מזוג זיווגים) וועט צוא שיקין אמאן פאר אייער טאכטער אויך · און פיליכט נאך אבעסערין וויא פאר אגבירס אטאכטער · און עס קען נאך געמאלט זיין דאס גראדע דורך איר וועט זיך אייער שטאנד זיך נאך אויך בעסערין · דען על פי רוב צייגט זיך דיא געטליכע הילפע גראדע פון אזוי אזאך וואש שיינט אונז פאר איין אומגליק וויא אונזערע חכמים זאגין אויף דעם פסוק וגם הוא חכם ויבא רע דאס ער ברייננט איין אומגליק מיט גרויס חכמה · אזוי וואר דער פאל ביא יוסף · ביא משה וואש מען האט אים אין וואסער געווארפין · קורץ דער פון גאטעס וועגין זייען פארבארגין · און איר וועט אמאל מיך דער מאנען דאס איך האב אייך אמאל ריכטיגעס געשפראכין :

א הלואי האט זיך דער מרדכי אפגערופין · פון אייער מויל אין גאטעס אויערין · נון וויל איך וויסין אייערין ווערטין נאמען אום צו עהרען אים ווען אייערע רייד וועלין ווירקליך איינטרעפין · וויא דער מנוח האט גיזאגט צוא דעם מלאך וואש האט אים אנגעזאגט דאס זיינע פרויא וועט אים געבאהרען אזון אם יבוא דברך וכבדנוך · איך האב עש אייך ביז אהער ניט גיפרעגט · ווייל ביא מיינע עלטערין וואר עס זיטע פון דורי דורות · וויא ביא דיא אראבער וואש ביי זיי איזט דיא מדה פון הכנסת אורחים זייער גרויס · דאש מען פרעגט ביא קיינעם אונבעקאנטין נאסט וויא ער הייסט · ווער ער איזט · און פון וואנען ער קומט · דאמיט מען זאל קיין אונטער שייד מאכין צווישין זייא און אלעמען גלייך אויפנעמען · און ערסט ביא דעם אפשייד נעהמען ערקונדיגט מען זיך דאריבער · און וויא דער שפריכווארט זאגט איינם שלעפט דאס אנדערע וויל איך שוין וויסין ווער איר זייט אויך · בפרט נאך דאש עש איזט כדאי צו וויסען עס' דען איר זייט

מעהר



מעהר וויא איין גיוואוינליכער ארעמער למדן · דאש עש איזט מיר גרויס וואונדער וויא אלע אנדערע דאש איר זארט אייך איבער גאטעס וועלט הערום וואלגערין · איר האט דאך גיקענט זיין איין ראש ישיבה :

יוא מיין בעסטער האט ער זיך אפגירופען ליידער איזט מען דאש מעהר וואש מען ניט קענט · מען מוז אבער פריהער קענען וואש מען זאל זיין · און דאס וויל איך זיין · איך הייס יהושע בן יוסף הלוי פון פרעסבורג · האב איינינע יאר גילערינט אין קראקער ישיבה און איצונד וואנדערע איך אביסעל אום צו בעזוכען אויף קליינע צייטען אנדערע ישיבות · דען אום צו ווערין עפעס אמורה הוראה אדער אראש ישיבה כוז מען דאך פריהער קענען · און אונזערע חכמים זאגין מרבה ישיבה מרבה חכמה · און פון וואנען גינעהרט זיך דער ווייבע אייער פרויא האט אים דער מרדכי געפרעגט · איך האב נאך קיינע פרויא האט ער אים גיענטפערט · איך בין נאך אבחור · און ווארום האט אים דער מרדכי גיפרעגט העכסט פאר וואונדערט (געבענדיק אבליק אויף זיין טאכטער) ווייל על פי דין דארף מען זיך פריהער פר זארגין איין נעהרונגס צווייג (פרנסה) פון וואנען צוא לעבין און דער נאך ערסט התונה האבין · דער רמב"ם ווייזט עס אן פון דער תורה · דאס אלס זיא שרייבט אוים וועלכע עס זאלין ניט גיין אין שטרייט רעכענט זיא אוים נאך דער געהעריגין ארדענונג · דער וואס האט געפלאנצט אין דיזעם יאר איין ויין גארטין · אהויז געבויט · אווייב גענומען · און אין פרשה כי תבא אין דער תוכחה ביא דעם שילטין רעכענט זיא שוין פערקערט · דוא וועסט האבין אפרויא וועסט מיט איר ניט זיין · בויען אהויז און ניט וואוגן אין איר · פלאנצין אויין גארטין און ניט בעזיננען אים · אויך איזט עם ארויס צו זעהען פון דעם ספר איוב · אלס דער פסוק רעכענט אים זיין גליק · דר מאנט ער פריהער וויא פיל אקסין קעמלען ... ער האט געהאט · און דער נאך ערסט וויא פיל קינדער

ער

ער האט גיהאט · ביא זיינעם אונגליק דער מאנט ער דאס ער האט פריהער פארלארין זיין פארמעגין · אונ דער נאך די קינדער · וויל קינדער אין פארמעגין איזט אבעזונדער אונגליק · אונ דער נאך אלם עס איזט אים ווידער גוט געוואורין · רעכענט אויך אוים דער פסוק פריהער זיין רייכטום וואש ער האט ווידער בעקומען אונ דער נאך ערסט דאס ער האט ווידער קינדער דער לעבט :

מען קען דאך אבער טאן אשידוך מיט קעסט האט זיך דער מרדכי אפגירופן · דאש וויל מיר גאר ניט אין קאפ גיין · מען שרייבט אין דער כתובה דאס דער מאן זאל זיינע פרויא גינעהרין · שוכין אונ קליידין · אונ לסוף גינערט איר פאטער אים · אונ צווייטינס איך וויל גינעהרט ווערין פון גאטעס האנד · אבער ניט פון אשווער אונ שוויגער · בפרט נאך ביא מיינעם וויסין דאש דאש פיהרט גאר צו קיין ציל · מען ווערט נור דורך דעם אגרויסער בעל הוצאה אויף קרעדיט :

דיזער גישפרעך האט גידויערט ביז מען האט גענגרייט צום טיש אונ מען האט דער לאנגט עסין · אונ אונזער אורח איזט גיווארין ביא דעם טיש בעדינט פון דער אביגיל וויא געסטערין מיט דער גרעסטער העפליכקייט אונ אכטונג · אונ דער נאך זייער גוט אוים געבעט · אונ אלם ער איזט איינגישלאפין · האט דער פאטער געשפראכין מיט דער טאכטער וועגן אים · א דיזער יונגער מאן האט ער צוא איר געזאגט געפעהלט מיר זייער ווען ער וואלט דיר וועלין נעמען פאר אכלה וואלט איך שוין פאר גאסט איאר זעקס קעסט · דען לבד וואס ער מוז זיין אגרויסער למדן איזט ער נאך אלייטעשער מענש אחכם : דער צוא נאך אקלוגער יונג · איך בין אים חושד דאס ער האט מיר נאך ניט אוים געזאגט אין גאנצין וואס ער איזט · ער שיינט מיר מעהר צוא זיין אלם ער צייגט זיך · אונ וואס ליבער פאטער זאלסט דוא פון אזעלכע זאכין טריימען ט

ליגט



ליגט ניט אין אונזער מעגליכקייט · ניט ער ועט וועלין נעמן אטרעדלערם אטאכטער · אונ ניט דוא ביזט אין שטאנד צוא געבין איין איידעם קעסט ; גאט מוז מיט אונז ארעמע וואונדער טאן אונד האט דער ביא פאר לארין אפאר גרויסע טרעהרין :

## 5.

## (דיא בעגלייטונג)

דיזער פאמיליען געשפרעך · האט זיך גיענדעט וויא גוואונליך מיט איינעם טיפין זייפצער · אונ מען האט זיך באלד דארויף שלאפין געלייגט · זונטאג אין דער פריא האט דער יונגער מאן גענומען איין ווארעמען אפשייד פון דעם מרדכי · האט אים געדאנקט אונ געבענצט פאר דעם שבת · אונ דאס גלייכין האט ער זיך זייער פריינדליך געזעגינט מיט דיא איבעריגע הויז לייט אונ וייל דיא דינסט וואר שוין פריהער אוועק געשיקט אין שטאדט · האט דער ר' מרדכי געהייסין זיין טאכטער · דאס זיא זאל אים דורך לאזין ביז איבער דיא געסיל וייל זיא איזט פול מיט הינט · אונ אלם זייא ווארין שוין ביידע אליין ; האט ער זיך אפגערופין צוא איר טייערע אביגיל·דיא שונמית האט זיך פיל וויניגער בעמיהעט ארום דעם אלישע אלם דוא אום מיך אין דיזעם שבת · אונ דאך האט ער צו איר גיזאגט ביא זיינעם שיידין זיך מיט איר הרדת אלינו את כל החרדה הזאת מה לעשות לך דוא האסט דיך אזוי פיל בעמיהעט אום אונז · טא מיט וואס איזט דיר צוא לוינען · נון פשיטא דאש איך דארף עס אזוי זאגין :

אונ נאך מעהר דיא שונמית האט גיטאן חסד מיט אזוי איינעם וואס האט ניט גערארפט מקבל חסד זיין ; דוא אבער האסט דאך גיטאן מיט אזוי איינעם וואס וואר נייטיג צוא דיזעם חסד *) :

זייא

*) עס ווערט אזוי געשפראכין דער פון אין מדרש פרשה בהר :

זייא זייען אבער מיין הער האט זיא זיך אפגירופין קיין אלישע אום צוא געבין מיר מיין בענער · אונ בפרט עש פעלט מיר נאך פיהל מער אלס דיא שונמית · איך בין וויא גיזאגט איינע פערלאזענע · וועלט פארגעסענע יתומה · אן אויסזיכטען צוא ערלעבין אמאל בעסערע טאגע · אונ איהרע אויגען האבין זיך דער ביי אנגעפיהלט מיט טרעהרין · אונ ביי אלעם דעם ווען איך אויך קיין אלישע בין האט ער זיך אפגירופין בין איך אין שטאנד דיר מעהר צוא געבין אלס אלישע האט גיגעבין דער שונמית · דען ער האט איר נור איין קינד גיגעבן · אונ איך קען דיר אמאן געבין וואש ער זאל זיין פיל וויכטיגער אלס דוא זיך וויגצען קענסט באם ער וועט דיר נור גיפעלין · אונ דיזער מאן בין איך אליין איך האב נאך קיינע פרויא גינומען · אונ בין פיל מעהר אלס איך שיין דיר · גיפעהלע איך דיר נור גיב איך דיר מייןווארט · מיין היילגעס פערשפרעכין דאש איך וועל דיך אין קורצען הייראטהען · מיט דיינעם פאטער בין איך שוין אין ריינעם · דען איך האב אין אים שוין גינוג גימערקט דאש ער וועט מיט דיזער פארטי צו פרידען זיין · אונ נאך מעהר אלס צוא פרידען · אזוי גאר גליקליך זיך שאצען אזוי גאר, ביי זיינעם מיינען דאש איך בין נית מעהר אלס איך שיין (דאם הייסט נור איין ארעמער למדן) איך האב אבער עש אים ניט אן גענומט אדער אזוי גאר וויא צו זאגין נאך גיגעבין ; וייל איך וויל פריהער הערין פון דיר איינע פרייע איינוויליגונג דער צו ניט אין דעם ביי זיין פון דיינעם פאטער :

איך האב גיווים ניט וואש איין צו ווענדין דער ביי האט זיא זיך אפגירופען · עש איזט מיר אבער וואונדער איבער וואונדער דאש אזוי איינגער מאן וויא איר מיט גרויסע למדות אונ השלמה זאלט וועלין נעהמען איין ארעמעס מיידכען פון אזוי אקליינעם שטאנד אן אגראסין נדן · זאל עש נור הוילע ערקענטליכקייט זיין פאר מיינע גוטע אויף נאהמע ; הייסט עס

ניר



נור איין הוילער לייכט זין פון אייך · אונ פיל וויניגער אויס ליבע צו מיר ערסטענס בין איך גאר ניט אזוי שיין · צווייטענס גלויבט זיך כיר ניט דאש אזוי אפרומער מאן וויא איר זייט זאל גאר האבין אין זין צוא פארליבען זיך :

א מיינע טייערע אביגיל האט ער זיך אפגירופען דו ביזט קיין ארעם קינד · דוא ביזט רייכער פאר מאנכעם גבירים טאכטער · דען דוא האסט אין זיך זייער פיל מדות טובות · אונ דיזעם איזט אויך מיין נדן · אונ דער קאפ פון העכט וואש דוא האסט מיר גילייגט פרייטיג צו נאכט אויף דעם טעהלער · איזט מיר דאש זעלביגע וואש וואר ביי דעם אליעזר דיא קארעטע וואסער וואש רבקה האט אים אנגיגאסען · אונ ווען דער ליבער גאט האט אויס גיקליבען דוד פאר אקיניג נור צוא ליב דעם דאש ער האט גיווייזט זיינע שאף מיט אגרויסען ארדענונג · אונ דעם משה פאר איין הירט איבער דיא ישראל וייל ער האט איינע שוואכע שעפעלע גיטראגין אויף זיין שולטער (אקסעל) *) איזט שוין קיין לייכט זין פון מיר דאש איך וויל דיך נעמען נור פאר דעם קאפ פון העכט · פאר דיין אן שרייען צו ליב מיר אויף אייער דינסט · דען איין שיינער

צוג

---

*) דער מדרש אין שמות פרשה א' דער ציילט אונ זאגט אויף דעם פסוק עיניו יחזו עפעפיו יבחנו בני אדם אזוי גאט האט דעם דוד געמערקט נאך זייענדיג) ביי דער הערדע פאר איין גוטין הירט · דען ער פלעגט אפוועהרין די גרויסע לעהמער דאם זייא זאלין לאזין עסין פריהער דיא קליינע ; דאמיט זייא זאלין בעקומען יונגעם גראז · נאך הער פלעגט ער צו לאזין דיא גאנץ אלטע שאף דאמיט זייא זאלין בעקומען דיא מיטעלע גראז · לסוף פלעגט ער אויף דיא פעלדער ארויף לאזין דיא מיטעלע שאף וואש זייען נאך ביי זייערע רעכטע קרעפטין אונ וואש קענען עסין די אלטע גראז וואש זייען שוין אין שטעקליך :

צוג ציינט שוין אויף דיא איידעלקייט פון זיינעם הארקטער:
פשיטא דפשיטא דאס איך האב שוין פון דיר מעהרער גוטע
פראבען גיהאט · אונ גיוויס איין גאטעס איינגעל האט דיך
ארויס גישיקט מיך צוא בעגלייטען:

נון ווען זייא ערענסט מיט דיזער זאכע מיינען האט זיא
זיך אפגערופין צוא אימהעטע איך געוואונצין דאש מיין פאטער
זאל עס הערין פון אייערעם מונד · איך קען מיך ניט אומקעהרין ·
אונ וויל ניט אזוי גאר דאס דוא זאלסט דיין פאטער אהער
ארויס רופין · דוא מוזט נור גלויבין מיין ווארט · אונ אין איינינע
מאנאטע בין איך ווידער אייער גאסט · אונ ערצייהלע עס
נימאנדען · קוים דיינעם פאטער אונ אויך אונטער דעם זינגעל
פון איינער געהיימניס · דען זאנסט קען עס פילייכט שאדען
וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט דאס קיין זאך פירכטעט
אזוי דיא עפענטליכקייט וויא דער אנפאנג פון ליבע · אונ בעטע סתירה
אלזוי גאט דאס מיר זאלין אונז אין קורצין ווידער זעהען:

עס פאר שטייט זיך האט זיא זיך אפגערופין · דאס
קיינעם אנדערין דען ער איזט דאך דער פאטער פון דיא
יתומים · אונ דאס בין איך דאך אויך · אונ האט זיך אלזוי דער
בייא זייער שטארק פון איין אנדער גיווינט · פאסע דיך האט
ער זיך צוא איר אפגירופין (דאס הייסט האלט דיך איין פון
וויינען) אונ האט איר דער לאנגט איינע טייערע זיידענע
שנופטוך אום דיא אויגין צוא ווישין · אונ אלס זיא האט
אפגעטריקענט דער מיט איר געזיכט · אונ האט עס אים
גיוואלט אפגעבין צוריק · האט ער איר גיענטפערט בעהאלט עס
בייא זיך אלס אנדיינקען דאס איך האב דיר דיינע טרעהרען
געטריקענט אונ לעבע אזוי וואול · גערים דיינעם פאטער ·
אונ ערווארטע אויף בעסערע צייטין · אונ איזט אוועק פון איר
מיט ראשע (שפארקע) טריט אונ מיט הונדערטע ריק בליקונגען:
אונ זיא איז געבליבין שטיין אויף איר ארט וויא אמאל





דער מנוח אונ זיינע פרויא זייען געבליבין שטיין אלס דער
גוטער איינגעל וואס האט זייא מבשר גיווען אבשורה טובה
איזט פערשוואונדען פון זייערע אויגין · אונ אלס זיא איזט צוא
זיך געקומען האט זיא זיך אומגיקערט אהיים אונ האט דער
ציילט איהרעם פאטער וואש וואר העכסט בעזאָרגט איבער
איר פאר זאמען זיך וואש עס וואר געשפראכין צווישין
זייא · אונ דער פאטער האט אויף געהייבין זיינע הענט צו
גאט האט אים גערדאנקט אונ האט דער בייא גישפראכין
דיא זעלביגע ווערטער וואש נעמי האט גיזאגט צוא רות
אלס זיא האט זיך אומגעקערט צוא איר צוריק פון דעם
בועז מיט דיא זעקס מאס גערשטין (כי לא ישקוט האיש
כי אם כלה הדבר היום) · דאש הייסט דער מאן וועט שוין
ניט רוהען ביז ער וועט ערפילין באלד זיין פאר שפרעכין ·
דען אזוי אמענש וועט קיין ליגין זאגין:

6. 7

(דיא ערוואַרטונג)

אונזערע חכמים זאגין אין דער מסכת ברכות פרק ששי
(תכף לתלמידי חכמים ברכה) דאס הייסט באלד וויא מען נעמט
אויף איין תלמיד חכם צוא זיך אין שטוב שיקט גאט
ברוך הוא זיין ברכה אריין אהין · אזוי וואר דער פאל אויך
דא · דען פון דיזין טאג אן האט אנגיהייבין דעם מרדכי צוא
גיין בעסער פון טאג צוא טאג · עס איזט גיגאנגען וויא דער
עולם זאגט דורך טירין אונ דורך טויערין · אין דעם ערסטין
חודש האט ער ארויס געטריבין דיא ארעמקייט פון זיין שטוב ·
אין דעם צווייטין מאנאט האט ער שוין בעצאלט אלע חובות ·
אין דעם דריטין האט ער שוין אנגעהייבין צוא קלייבין קאפיטאל
אונ עס וואר ניט אטאג וואס ער האט דעם יהושע בן יוסף הלוי
ניט דער מאנט צוא גוטין אונ פלעגט צוא זאגין איך גלויבע

דאס ער וואר מעהר אלס איין מענש: ער איזט פאר געווים אליהו הנביא · דיא טאכטער אבער וואר ניט דעם פאטערס מיינונג · אונ פלעגט אים איין צוא ווענדין דאמיט דאס אליהו הנביא וואלט דאך מיך ניט וועלין בעשרינין אונ זאגין דאס ער וויל מיך נעמען · אזוי מיינע טייערע לעזערין · אזוי גייעט עס מיט דעם גלויבין · מען גלויבט נור וואש מען ווינצט · אונ פון וואש מען טרוימט אונ מער פאנטאזירט נאך מעהר אלס איין מיידכין פון איר געליבטין חתן :

שלמה זאגט אין משלי (שמים לרום וארץ לעומק ולב מלכים אין חקר) דאס הייסט וויא עס איז ניט צוא ערגרינדען דיא הייך פון הימעל אונ דיא טיפהייט פון דער ערד אזוי איזט ניט צוא ערגרינדען דאס הערץ פון איינעם קיניג׳ אונ איך וואלט זאגין אזוי איזט ניט צו ערגרינדען דאש הערץ פון איינער פאר ליבטע ברויט · זיא גלויבט דעם בעסטין פון דער וועלט האט זיא פאר אחתן בעקומען · אונ מאלט זיך אויס איינע גאלדענע צוא קונפט (קומענדע צייט) · ער וועט מיט איר לוסט וואנדעלען פון איינעם פערגעניגען צוא דעם אנדערין פערגעניגען איבער בליהענדע רויזין אונ גרינענדע וויזין (לאנקעס) אונ דאס קיין טרויער וואלקין וועט קיין מאל טריבין איר מאיאוועון הימעל · אונ קליינע קינדער שיין וויא דיא איינגעלען וועלין איר אימעד אומהיפפען (ארום שפרינגן) אונ איין ווייבליכעם וועזין וואס דינסט מאד זועט הייסין וועט שטיין וויא איינע שטאטוע (בילד) אין הויז ווינקיל אום איר מינדעסטען וואונק געווערטיג (גאטאוו) צוא זיין · אונ וועט אלזוי איין בייא שפיל זיין פאר דיא יונגע וועלט וויא איין גליקליכעם הייזליכעם צוא לעבין צוא פיהרען · אונ ווען מען נאך דער צוא שיין אונ פון ריינען שטאנד איזט · גלויבט מען נאך צוא ווערין דער צעהנטרום (מיטעל פונקט) פון דער גאנצער מענשליכע געזעלענשאפט צוא ווערין · דיא זייעלע

פון

ABIGAIL'S INFLATED FANTASIES



פון אלע פריידען · אונ פון אלע לוסטבארקייטין :

פון דיזעם וואהן (דמיון) וואר אונזערע אביגיל אויך ניט פרייא · פון יענער צייט אן האט זיא געלעבט פאר די צוא קונפט (פאר דיא שפעטערע צייט) אינ זיא האט נאך געהאט פיל מעהר רעכט אלס איינע אנדערע צוא זיין בעפאנגען (בעגריפין) פון דיזע פאנטאזיע · דען איר געליבטער וואר דער ווייל איין געהיימנים פאר איר · זיא האט נאך געמעגט דיינקען דאס דער יהושע בן יוסף הלוי איזט פיל מעהר אלס ער שיינט · פיליכט איזט ער אזון פון אגרויסען גביר · איין פערקליידער (פארשטעלטער) גרויסער מאן וואס וואנדערט אין דער וועלט אום דעם שטיין דער ווייזין צוא געפינען *) אין פראנקרייך איטאליען אונ אין טייץ לאנד · אונ איהרע ליבע צוא אים האט זיך פארגרעסערט פון טאג צוא טאג · זיא האט גיטריימט פון אים טאג אונ נאכט׳ יעדער פאך פון איהר טיר האט אויפגיפאכט דיא פלאמע פון איהרע ליבע · דען זיא האט גימיינט דאש זיא ווערט גיעפינט פון זיינער האנד · ווייל זיא האט אים אין יעדען אויגען בליק ערווארטעט · זיין שנופטוך וואר בייא איר איין הייליגער פאנד (זאלאג) ׃ זיא האט אים פון האנד ניט ארויס גילאזין · האט אים גיהערצט וויא אמאל דיא פרויא פון דעם פוטיפר דאש קלייד פון דעם יוסף וואש ער האט גילאזט ליגען לעבין איר **)׳ אונ נאך איזט קיין

מיידכען

*) דאש איזט דיא טיפע חכמה פון דער כעמי וואש מען האט דאן גיגלויבט (פארצייטען) דאש מען קען מיט איר אזוי וויט דער גיין דאש מען קען פערוואנדלען קופער אין גאלד · אונ אזוי אויך אין זילבער :

**) דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק ותנח בגדו אצלה · ר״ אמי אמר מחבקתו ומנשקתו · זיא האט דאש קלייד גיהאלדזט אונ גיקישט :

מיידכען גיווארין אזוי טרייא גליבט אונ אונבעטראגן פון איר
גיליבטען וויא אונזער אביגיל וויא מיר וועלין דא ווייטער
דער צייהלען :

## 7. 8

## (ערב שבת הגדול) :

אזוי זייען זיך איבער גיגאנגען גאנצע דרייא מאנאטען אין
פורכט אונ אין האפענונג · דען זיא האט גיפירכטעט פילייכט
קומט ער ניט אונ דאך דער בייא גיהאפט · א האפענונג · דוא
ביזט איין געטליכער פונקען · גליקליך איזט דאס הערץ אין
וועלכע דוא גלימעשט (גליהעסט) · דוא בעלייכטעסט דיא
דונקעלהייט וויא מיט איין בעגלאשין פייער · פערוואנדעלסט
דעם הערבסט אין איינעם בליהענדען מאי · פיהרסט דעם נייא
גיבאהרענעם אין לעבין אריין · אונ דעם שטערבענדען אין
איינער בעסערין וועלט היין איין · זיא איזט דיא גייסטיגע
פאטע מארגאנא *) וואש שפיגעלט פאר פאראדיזען (גן עדנם)
מיט

*) דיא פאטע מארגאנע · הייסט נאייע ערשיינונג אין
דער לופט · אזוי זעהען זייער אפט דיא רייזענדע אויף דעם
מעער גאנץ פון ווייטען אינזלען מיט שטעט אונ מיט דערפער ·
אויך ביט וועלדר אונ טייכען · אונ מען מיינט דאש מען וועט שוין
באלד לאנד בעקומען · אונ דאך וואש מען שיפט זיך צוא
נעהענטער · דוכט זיך אלץ דאש זייא (דיא אינזעלען) זייען
אלץ ווייטער · אונ אזוי זעהען אויך דיא רייזענדע אין דער
וויסטענייא זאהארא וואש שמאכטען נאך וואשער גרויסע
שטרעמע מיט שיפען אונ לוסט גערטנער · הערען אזוי גאר
דעם רויש · אונ קענען עש אויך ניט דער גרייכען · ווייל דאש
זייען נור לופט ערשיינונגען אונ ווייטער ניט · דיזע שצענען
ווייזען אמאל אגאנצין טאג · אמאל אגאנצע וואך · לעבין
נעאפאל



מיט דעם אונטער שייד פון דער פיזישע (נאטירליכע) דאש
איהרע ערשיינונגען פערווירקליכען זיך זייער אפט (ווערען
מקוים) מיט דער צייט · אונ פון דיזער ארט ווארען דיא
האפענונגען פון אונזר אביגיל · דען זייא האבין אלע איינגיטראפן
(געשעהען) אונ נאך איבער טראפען אלע איהרע פארשטעלונגען ·
וויא מיר וועלין דא באלד אלעם דער ציילען · דער ווייל אבער
האבין מיר וואש פריהער עש צו דער ציילען :

דער ווינטער איזט זיך שוין איבער גילאפין · אונ עש איזט
זיך גיווארין (ניסן) · איין וויכטיגער מאנאט בייא אלע נאציאנען
נאך וויכטיגער אבער בייא אונז אידען · דען ער איזט בייא
אונז דער ערסטער פון אלע מאנאטען · אונ אים פייערן מיר
דעם ערסטען אונ וויכטיגסטען פעסט (יום טוב) · אונ איזט
אלזוי פון גרויסע ווירקונג אויף אונזער גייסט אונ אויף אונזער
קערפער · דען פון ראש חודש אן ביז דעם צווייא אונ
צוואנציגסטען אין אים איזט מען אלץ עוסק אין די רעליגיעזע
ענינים פון חמץ אונ מצה · פון קמח פסח · פון ארעמע קרובים
אוים העלפין אויף דיזעם יום טוב · עש ווערין דיא הייזער
גירייניגט · דיא מעביל גיזויבערט · דיא געשיר גיוועקסעלט ·
עש זעהעט דאן אויש וויא אונזער גאנצע נאציאן ניצעוועט אין
אים דאש לעבין אום · אונ וויא דיא צוג פייגעל *) ציהען אין
הערבסט אין דיא זידליכע (דרומדיקע) לענדער · אזוי ציהען זייא
אים גייסטע (מיט איהרעם געדאנקען) אויך די זעלביגע ריכטונג
נאך דעם זידען · וואנדערען דארט פון עגיפטען אוים אום איבר
דאש

נעאפאל איזט צוא זעהען איינע אייביגע פאטא מארגאנע · אונ
מען ווייסט ניט דיא אורזאך דער פון :

*) צוג פייגעל ווערין אנגירופען אלע פייגעליך וואש ציהען
ווינטער נאך דיא ווארעמע לענדער למשל בוצאנעם ווילדע
גענז · זוראוולייען :

דאש רוימהע מער צוא דער אראבישע וויסטעניא צוא ציהען · און פארטרוימען אים דיזען (מאנאט) אין זיסע ערינערונגען (דער מאנונגען) פון דער פאר גאנגענהייט (פון דעם זמן העבר) :

מעהר אבער אלם אנדערם וואו וואר מען אין דיזעם מאנאט בעשעפטיגט אין דעם הויזע פון אונזער ר' מרדכי · דען גאט האט אים גיהאלפין · מען האט זיך דארט גאנץ בעניים לכבוד יום טוב · מיט נייע מ ביל · מיט נייע געשיר · מיט נייע קליידער · דיא שטוב אוים געווייזט · דיא פאדלאגע אוים געוואשין · דער צוא נאך אנגעגרייט אויף יום טוב פון אלעם גוטין פאר זיך און אויך פאר מאנכע ארעמען וואש מען וועט בעקומען אויף פסח · ערב שבת הגדול וואר שוין דער פסח דארט צוא געקליבין מיט אלע זיבין זאכין · אין אלע ווינקעלאך ציכטיג און ליכטיג · און דער חמץ האט איבער געלאזט פון זיך דארט עפעם קליינינקייט וויא אשווערער שכן וואש לאזט איבער ביא זיינעם אוים ציהען פון זיינער אלטין וואוינונג אונוויכטיגע זאכין אויף אקורצע צייט · דער לאבין ברויט איזט געלעגין שוין אין מולטער וויא אטויטער מפיל קינד · ביז מען ווערט מושוה מיט דעם קליינעם גבאי · (דאש איזט געמיינט ביז מען וועט אים פארקויפין אין חמץ) :

THE RETURN

## 8. 9

### (דער קבלות פנים)

עם וואר נאך ניט צוועלף דער זייגער און ביא דעם ר' מרדכי אין שטוב וואר שוין גאנץ רוהיג · ווייל מען האט דארט מיט דעם היינטיגין שבת קיינע גרויסע צערמאנעם געמאכט · ערסטענס ווייל מען האט דארט אין דיזעם פרייטאג קיין צאלענט גערוקט · קיינע חלה געבאקט · דען מען האט שוין געקאשערט דעם אויוען אויף פסח · און חלה פארטיגע געקויפט · און צווייטינס ווייל דער פאטער וועט זיין שבת

צוא



צוא מיטאג אין שטאדט אום צוא הערין דארט דיא דרשה פון דעם נייען רב וואש דארף באלד אנקומען · דאהער וואר שוין אונזער אביגיל דאן גאנץ מיסיג (ליידיג) פון הייליכע ארבייט · און איזט זיך געזעסין אוים געפוצט לעבין פענסטער וואם וואר אפין און געווענדעט געגין איינעם קלארען און רוישענדען וועסערליין · איר שיינעם הויפט וואר געשטיצט אויף איר רעכטע האנד אין וועלכער עם וואר צוא זעהען דער הייליגער שנופטוך · און וואר פאר זונקען אין טיפע גידאנקען · נון פארשטייט זיך דאש זיא האט גיוויס ניט גיקלערט וועגין דעם שטיין דער וואזען · און ניט וועגין דעם צו דער הימעל דרייעט זיך צו דיא ערד דרייעט זיך · און אויך ניט איבער דעם צוא וויסען וואש וואר פריהער בעשאפין צו דיא הון · צו דיא אייא · ניין זיא האט גיוויס גידיינקט נור פון איר בעשערטען · און האט פאר גיוויס גיוואלט איין גערום פון אים אוים צו הארכען פון דעם בעכליינס מורמעלען (הוזען) וואש פליסט פון פערנעם (וויטען) לאנדע · דען דיא פארליבטען פארשטייען אלע שפראכין · און שוין פיל מעהר אלם איין מאל ווארען בעכע דיא טרייסטע ליבעם בריף טראגער צווישען צוויא פערליבטע :

אין יענע צייט ווארען נאך אונזערע אידען · אונגעטיילט אונטער זיך · יעדע אידעשע געמיינדע פון יעדער שטאדט וואר נור איין פאמיליע · דען עש ווארען דאן נאך קיינע מתנגדים · קיינע חסידים · קיינע זעקטען · איין רב וואר נור זייער געטליכער איבער הויפט · דאהער קיין וואונדער דאש דיא גאנצע שטאט פון קליין ביז גרויס האבין זיך זייער שטארק אינטערעסירט מיט דעם אנקומען פון דעם נייעם רב · קיין מעץ · עש זייען אים אלע ארוים אנטקעגין ווער אין אפייעטאן · ווער אין קאראט · ווער אין אדראנסקע · און ווער צו פוס · מאנכע גרויסע גבירים וואש האבין דער צוא נאך גיהאט איינע אבזיכט צוא בעקוסען

דיזען

דיזען יונגען רב פאר איין איידעם · דען ער וואר נאך אונבעווייבט : האבין גימאכט בייא זיך אפאראדנעם שבת · דען זייא האבין אים גיוואלט איינלאדען צוא זיך · אונ זייען אים ארויס אנטקעגין מיט גרויס פראכט · עש האט די שטאדט אויפגיקאכט וויא אין אקעסעל · עש וואר דער פון גישפראכין אין אלע הייזער · לבד אין דעם מרדכים הויז ניט · דען עש ווארין דארט קיינע מאנס לייט · לבד ער · אונ ער איזט מיט אלע איבעריגע פום גייער ארויס פון שטאדט צוא קבלת פנים גאנץ בעגינען · דען עש וואר צוא גיין אגאנצע מייל :

ער איזט אויף גינומען גיווארין דארט אין איינעם אידעשן הויף וואש וואר לעבין וועג · עש וואר דארט גידעקט טישען · מיט אלער האנד וויינען אונ מארטען אונ נאך מאנכע ערפרישונגען · דער רב האט דארט גיהאלטען איינע זייער קלוגע ריידע וואש האט גיהאנדעלט איבער דעם ענין פון שלום אונ פון אחדות · פון כבוד התורה · אונ עש וואר דעם עולם העכסט גיפעלין · דער צו נאך וואר ער זעהר זייער שיין אונ ליבליך · מען האט זיך ניט גיקענט אים זאט אפקוקין · נאך מעהר פר אלעמען איזט ער גיפעלין דעם מרדכי · ער האט אים גישיינט בעקאנט צו זיין · אונ האט זיך דאך ניט גיקענט דער מאנען וואו האט ער אים ערגעץ וואו גיזעהען :

אונ אזוי איזט מען גיקומען אין שטאדט אריין · אונ מען האט דעם רב דער ווייטע אפגיפירט אין דעם וואונונג וואש וואר בעשטעלט פאר אים · אונ באלד דארויף זייען גיקומען צו אים איינלאדונגען איבער איינלאדונגען אויף שבת פון די גרעסטע לייט · ער האט זיך אבער אפ גיזאגט פון אלעמען · מכבדי אכבד האט ער גיענטפערט · דאש הייסט איך מוז אין דיזעם שבת בעהרין מיט מיינעם שבת האלטין בייא דעם זעלבינגען וואש האט מיך אויפגינומען מיט פריידען אונ מיט עהרען בייא זיך אויף שבת חנוכה אלס איך בין גיקומען צוא אים מיט

אפלעט



אפלעט אלס איין ארעמער ישיבה מאן · אונ וועל אגב דורך דעם ניט אן מאכען קיין שנאה אונ קנאה צווישען די נכבדים פון שטאדט · דען עש וועט דאך פאר דריסען דעם בייא וועלכן איך וועל ניט זיין :

דיזער אנטווארט איזט העכסט גיפעלין גיווארין דעם עולם · אונ אלע אויגען ווארען גישפאנט צו זעהען ווער איזט עש דער גליקליכער וואש וועט דיזע עהרע האבין · אזוי וויא ארום איינסען האט מען גיזעהען דעם רב ארויס פארינדיג אונטערין שטאדט · אונ זייער פיל נייע גיריגא זייען נאך גילאפען אום צוא זעהען וואו ער וועט זיך אפשטעלין · אונ האבין זיך ניט גיקענט אפוואונדערין אלס זייא האבין גיזעהען דאש ער האט זיך אפגישטעלט לעבין מרדכי דעם טרעדלער · אונ אזוי אויך וואר דיא אביגיל (וואש וואר וויא מיר האבין פריהער גישריבען פאר טיפט אין גידאנקען) העכסט איבער ראסט (אויפגעשרעקט) פון דעם לארעם אונ פון דעם אשציסק וואש דארט געגין איר פענסטער איזט גיווארין · אונ פון דעם אנפארען פון דיזעם פאיאזד · דען צייט זיי וואונען דארט האט זיך אהין קיין קאץ פאר אירט · אונ בעפאר נאך זיא האט פאספייעט ארויס צו גיין אום צו וויסען וואש דאש מער איזט דער מיט · האט זיך דיא מיר אויף גיעפינט אונ עש איזט אריין איין יונגער געטליכער מאן גיקליידעט וויא איין אידעשער גייסטליכער זייער רייך · אונ האט איר פריינדליך גירישט · אונ האט איר גיפרעגט וואש מאכט דער פאטער · מיין פאטער האט זיא אים גיענטפערט מיט איינער ציטערענדע שטימע איזט אין שטאדט · אונ וועט ערסט קומן פארנאכט · דען ער איזט גיווים גגאנגען מקבל פנים זיין דעם רבי זוען דער רב איזט שוין דא האט ער גיענטפערט דארף ער שוין באלד אויך צוריק זיין אונ וואש ברויכט איר אים האט זיא אים ווייטער גיפרעגט שטייענד וויא אין פלאמן איך גלויבעי זייא אירען זיך מיין הער · מיין פאטער הייסט ר׳ מרדכי דער

טרעדלער

טרעדלר · איך אירע מיך גאר ניט האט גער איר געענטפערט · איך וויל ביי אייך שבת זיין · א מיין הער האט זיא זיך אפגירופן: פר גיווים האט אייך איין גוטר איינגעל אהער פארפיהרט · מיר זייען ארעמע יודען · דער צוא נאך הייסט עש דאש מיר האבין קיין שבת גימאכט · אונ עש איזט אויך ניט צו מאכן · דען וויא זייא זעהען דער פסח האט זיך שוין איינגעקוואטירט אין אונזר שטובי עש איזט ניט דא שוין וואו צו באקען אונ וואו צו קאכען אונ ביי אלעם דעם האט זיך אפגירופן דר רב וויל איך פארט זיין שבת ביי אייך · אונ דער גאט וואש האט גידעקט אטיש פאר ששים רבוא אידען אין דער מדבר וועט אונז ניט לאזין פאר הונגערן דא אויך איבער שבת · איך וויל דא זיין ווייל איך האב שוין ביי אייך איין מאל שבת גיהאלטען · איך הייס יהושע בן יוסף הלוי: איך בין טרייא מיינעם פארשפרעכין: גידיינקסט דוא עש:

ביי זיינעם נעענען זיך מיט דיזעם איר אזוי טייערען נאמען · איזט איר וויא צווייא גראבע שופען אראפ גיפאלין פון דיא אויגען · דען זיא האט איר דער קענט דאש איזט דער זעלביגער ארעמער למדן וואש וואר ביי זייא אפלעט אונ וואש ער האט איר פאר שפראכען צו נעהמען · אונ איזט אוים גרויס פרייד אונ אוים איבער מעסיגין גליק אין אונמאכט געבליבין וויא אמאל (ביי אזוי אגעלעגענהייט) דיא פרויא פון חנינא בן חכינאי °) דאך צום גליק איזט אנגעקומען דער פאטער דארויף אונ עם איזט גיווארען ווידער גוט · דען ער האט איר
באלד

°) דיא גמרא דער ציילט אונז אין דער מסכת כתובות דאש ר׳ חנינא בן חכינאי האט גילערינט אין א ישיבה וואש וואר ווייט פון זיין שטאדט גאנצע צוועלף יאר · נאך הער אלס ער איזט גיקומען פלעצליך נאך הויזע · אונ דיא פרויא האט אים אונגעריכטער הייט דער זעהען · איזט איר פון



באלד אויפגעצוכעט · אונ האט עמפפאנגען דיזען גרויסען גאסט מיט ליבע אונ אכטונג · דען ביי זיך אין שטוב האט ער אים באלד דער קענט דאס ווער ער איזט · נון פארשטייעט זיך דאס עס וואר דארט אין שטוב פריידין איבער פריידען:

אונ אלס דיא גימיטהער האבין זיך שוין איין עטוואס אפגיקילט אונ בערוהיגט · וואר גישיקט אין שטאדט נאך אלעם גוטען נאך ווייגען · נאך טייערע פישען · נאך טייערע הינער אונ גיבעק · אונ פרייטיג צו נאכט ביי דעם טיש איזט ערסט דייטליכעם אונ ערענסטעם גישפראכין גיווארין וועגין דעם פארטי (שידוך) אונ מען איזט באלד איבער איין גיקומען · אונ האט זייא דאן ענטדעקט אין קורצען ווער ער איזט · אונ ווארום ער וואר דאן פארקליידעט פאר איין ארעמער למדן:

איך הייס וויא איך האב אייך גיזאגט יהושע בן יוסף הלוי מיין פאטער איזט אגרויסער גביר · דער צוא אגרויסער אוהב תורה אונ האט מיך אלזוי מגדל גיוועזן אויף דעם שוים פון תורה פון חכמה אונ פון יראת שמים · אונ איך האב גיהאט גרוים פליים דער צוא · אונ האב דער צוא נאך איין גוטען קאפ · אגרויסע הבנה · אגרויסען זכרון · דאש אין מיינעם פופצעהנטען יאר בין איך גיווארין קלאר אין ש"ס · איך וואר אין קראקער ישיבה דער בעסטער · אין מיינעם אכצעהנטען יאר בין איך גיווארין אגרויסער מפורסם אין דער וועלט דאש מען האט זיך גיווענדעט צוא מיר מיט דיא גרעסטע שאלות תשובות · אין מיינעם צוואנציגסטן יאר האט מען מיר שוין גיוואלט אויפנעהמען פאר ארב אין דיא גרעסטע קהלות · מיר האט זיך
אבער

גרויס שמרה ארוים דיא נשמה · האט ר׳ חנינא גיבעטין צוא גאט אונ גיזאגט זאל עש זיין דער לוין פון דיזער ארעמע פרויא נאך אזוי פיל ליידען · אונ זיא האט ווידער אפ גילעבט:

אבער גיוואלט פריהער גלות אפריכטען · אונ בעזוכען דיא גרעסטע ישיבות פון אלע לענדער אונ דיא גרעסטע גאונים פון דיזער צייט · אונ משמש צוא זיין פאר זייא (דאש הייסט פראקטעצירען) אין שאלות אונ בין מיר אלזוי גיגאנגען פארקליידעט אלס ארעמער למדן מעהר אלס דרייא יאר · דען אנדערש קען מען לערנען ניט דער גיין וויא אונזערע חכמים זאגין (כך היא דרכה של תורה על הארץ תישן וחיי צער תחיה)· נון איזט שוין מעהר אלס איין האלבעס יאר דאש עש וואר אונטער האנדעלט מיט מיינעם פאטער וועגין דיא מעצער רבנות · אונ ער האט מיר צו וויסען גיגעבין דער פון נאך מיט אפאר מאנאטען פאר מיין זיין בייא אייך שבת :

אונ אלס איך וואר בייא אייך שבת ביזט דוא מיר אביגיל העכסט גיפעלין · דען איך האב איינגיזעהען דאש דוא ביזט איין נפש יקרה · אונ דער נאך אלס איך האב מיך בעקענט מיט אייך ר׳ מרדכי אונ גיהערט דעם נסיון וואש איר זייט אויש גישטאנען · אונ האב נאך דער צוא גיזעהען דעם ספר פון אייער פאטער זייט איר אויך מיר זייער ליב גיווארין : אונ איר זייט מיר אלזוי ביידע גאנץ גינוג גיווארין דאן וואש איך וואר ווירקליך בייא זיך אין הערצען · וויא איך האב מיך גיצייגט פאר אייך איין שפל אונ איין נבזה · אום צוא טאן מיט אייך · אונ גלויבע דאש איך וועל דורך דעם ניט פארלירען אין דיא אויגין פון מייגע עלטערין אונ ניט אין דיא אויגען פון דיא שטאדט לייט · דען דא איזט ניט ליבע נור איין שפיל · אונ דאנק גאט וואש ער האט מיך גיפיהרט אין דיזער וועג · אונ לייען דער בייא דעם פסוק (בית והון נחלת אבות ומה׳ אשה משכלת) · דאש הייסט עשירות קענען עלטערין געבן · איינע נישיקטע פרויא אבער נור גאט אליין :

אויף



## 9.

## (דאש ענדע)

אויף מארגין האט מיט דיזער גישיכטע שוין דיא שטאדט אויף גיקלונגען · אונ מען האט עש אים אנגירעכענט פאר אגרויסען טוגענד (צדקה) דען ער איזט זיך בעגאנגען פונקט וויא בועז מיט רות · דען ער האט דאך געקענט טאן מיט דיא גרעסטע גבירים אונ מיוחסים · ער האט אבער אין דער זאך גיקוקט כביכול וויא גאט ניט וויא אמענש · דאש הייסט וויא דער פסוק זאגט (האדם יראה לעינים וה׳ יראה ללבב) דער מענש ליבט נור וואש שיין אויס זעהעט · גאט אבער ליבט איין גוטעם הערץ :

באלד דארויף האט דער מרדכי אויפגעהערט איין טרעדלער צוא זיין · ער איזט גיווארין איין טוך הענדלער · אונ האט שוין אנגיהייבין צוא שפילין אגרויסע ראללע אין שטאדט · נאכהער האט דער רב חתונה גיהאט מיט זיין טאכטער · אונ עש ווארין אלע גילאדען · אונ זייער שיין אויפגינומען · דען זיינע עלטערין וואש זייען גיקומען האבין גימאכט איינעם גרויסען מאלצייט · אונ עש איזט צוא זאמען גיווארפן גיווארין הונדערטע פונטען זילבער דרשה גישאנק׳ לבד דעם וואש די עלטערין האבין אים דארט גיקויפט איין טייערעם הויז :

דיזער ר׳ יהושע האט גילעבט איין גליקליכעם לעבין מיט זיינער פרויא · האט מיט איר מאריך ימים גיוועזן · זיי ביידע ווארין וויא צווייא שוץ איינגעל צו דיזער שטאדט · האבין גיהאלפין דעם ארעמען · געטרייסט דעם טרויעריגען · מבקר חולה גיוועזן דעם קראנקען · פרידען גימאכט צווישען דיא גרעסטע שונאים · אונ ביידע מליצים טובים גיוועזן פאר דער שטאדט בייא דעם בישוף · אונ בייא אנדערע שרים · דעם גרעשטען טייל פון זייער אייגענם האט דיא אביגיל אן גיווענדעט

אויף

אוֹיף אָרֶעמֶע יְתוֹמוֹת אוּם צוּא פַאר הֵייַראַטְהָען זַייא מִיט
אָרֶענְטְלִיכֶע מֶענֶער · אַלְם אֵיינָע פַארְגִיטִיגוּנג צוּא גָאט פַאר
דֶעם חֶסֶד וָואשׂ עֶר הָאט גִיטָאן מִיט אִיהְר · דֶען זִיא וַואר אוֹיךְ
נוּר אֵיינֶע אָרֶעמֶע יְתוֹמָה · אֵיינָע עֶלֶענְדֶע · אוּנ גָאט הָאט זִיךְ
אוֹיף אִיר עֶרְבַּארֶעמְט :

אוֹיךְ דֶער מָרְדְּכַי הָאט מַאֲרִיךְ יָמִים גִיוֶועֶן · אוּנ הָאט דֶער
לֶעבְּט נַחַת אָן זַיינֶע קִינְדֶער · דֶע עֶר הָאט גִיטָאן שׁוֹין גְרוֹיסֶע
שִׁדּוּכִים אוֹיךְ מִיט דִי אַנְדֶערֶ-ע צְוַוייא מֵיידְכֶן · אוּנ אִיזְט גִישְׁטָארְבְּן
אַגְרייז אוּנ הָאט נָאךְ אִיבֶּער גִילָאזִין נָאךְ זִיךְ אַגְרוֹיסֶעם
פַארְמֶעגִין :

---